STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04925

KOLOMAN VALISH

D. Kopel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1257

ד. קאָפּעל

קאָלאָמאַן וואַליש

(„דער רויטער הויפּטמאַן")

פאַרלאַג „גראָשן-ביבליאָטעק"
וואַרשע 1934

PRINTED IN POLAND

KOLOMAN WALLI CH

Druk. „Pośpiech", Warszawa

אין די טעג, ווען די עסטרייכישע אַרבעטער האָבן
מיט אַ ביישפּיללאָזן העראָאיזם און מסירת-נפש געקעמפט
קעגן דער איבערמאַכט פון פאַשיסטישן שונא, איז שווער
געווען זיך אָפּצוגעבן אַ גענויען דין-וחשבון וועגן די דאָ-
זיקע אויסערגעוויינלעכע קאַמפן. ערשט איצט, עטלעכע וואָכן
נאָך די היסטאָרישע פעברואַר-טעג אין עסטרייך, איז מעג-
לעך צו געבן אַ גענוי בילד וועגן דעם העלדישן גראַנגל
פון עסטרייכישן פּראָלעטאַריאַט.

די פעברואַר-טעג אין עסטרייך זענען רייך מיט אַ סך
העראָאישע עפּיזאָדן, וועגן וועלכע עס וועלן נאָך, אָן שום
ספק, אָנגעשריבן ווערן בענדער גאַנצע. אונזער איצטיק ביכל
ווילן מיר הויפּטזעכלעך ווידמענען דעם גרעסטן העלד
פון די פעברואַר-קאַמפן, דעם „רויטן הויפּטמאַן", ווי די
עסטרייכישע אַרבעטער פלעגן אים רופן, דעם קאָמפּראָמיס-
לאָזן קעמפער און רעוואָלוציאָנער — קאָלאָמאַן וואַליש.

נעכטן נאָך איז דער נאָמען וואַליש געווען אומבאַ-
קאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט, היינט איז זיין נאָמען
שוין אויף די ליפּן פון מיליאָנען מענטשן. קיינער (חוץ
מיניכרייטער און ווייסעל) סימבאָליזירט נישט מיט זיך אַזוי
דעם וואונדערלעך-העראָאישן קאַמף פון עסטרייכישן פּראָ-
לעטאַריאַט, ווי דער העלד פון שטייערמאַרק — קאָלאָמאַן
וואַליש. דעריבער איז ער ווי קיינער פון די עסטרייכישע
אַרבעטער-טוער, נישט געווען אַזוי פאַרהאַסט ביי דער רע-
אַקציע, וועלכע פלעגט אים רופן „דער באָלשעוויק", דערי-

בער איז ער געווען דער גרעסטער דאָרן אין אויג פון דער דאָלפוס-רעגירונג.

אין דער רעאַקציאָנערער פרעסע פון דער פּראָווינץ שטייערמאַרק, וואו וואַליש האָט געווירקט און געקעמפט, פלעגט מען אים תמיד באַשולדיקן אין „קאָמוניזם, באָלשעוויזם, אונטערהעצן די אַרבעטער" א. ד. גל.; קיין איין ס.ד.-טוער אין עסטרייך האָט נישט באַקומען פון דער רעאַקציע אַזעלכע „קאָמפּלימענטן".

דעריבער איז זייער פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס די עסטרייכישע רעאַקציע האָט נאָר בלויז פאַר וואַלישעס קאָפּ באַשטימט אַ באַלוינונג אַזש פון צען טויזנט שילינג. קיינעמס קאָפּ איז פאַר דער עסטרייכישער רעאַקציע נישט געווען אַזוי געפערלעך, ווי דער קאָפּ פון „רויטן הויפּטמאַן"... מיטן מאָמענט, ווען וואַליש איז שוין געהאָנגען אויף דער תליה, האָבן זיך איינגעשטילט די בלוטיקע אַפּעטיטן פון דער עסטרייכישער רעאַקציע. מער קיין טויט-אורטיילן זענען שוין נישט אַרויסגעגעבן געוואָרן, מ'האָט שוין אין קאַנצלער-פּאַלאַץ מער נישט געפאָדערט קיין קעפּ, נישט באַשטימט מער פאַר זיי קיין באַלוינונגען. אויב וואַליש איז טויט — קאָן מען שוין אין קאַנצלער-פּאַלאַץ רואיק זיין...

אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געקעמפט אין ווין און האָט פערזענלעך געקענט וואַלישן, האָט אין אַ געשפּרעך מיט אַ צייטונגס-קאָרעספּאָנדענט זיך אַזוי אויסגעדריקט:

— עס קאָן זיין, אַז ווען דער חבר וואַליש וואָלט געשטאַנען בראש פון די קאַמפן אין ווין, — אין דעם ווין, וואו מיר זענען געווען גענוג באַוואָפנט, — וואָלטן מיר

אַרויס פון קאַמף נישט אַזוי צושמעטערט, ווי איצט און, אפשר, — ווער ווייסט, — מיט אַ נצחון...

מיר ווילן נישט אורטיילן, אויף וויפיל ס'איז ריכטיק די באַהויפּטונג פון דעם דאָזיקן אַרבעטער, אָבער אַ פאַקט איז, אַז די אַרבעטער האָבן אין וואַלישן געזען דעם קאָמפּראָמיסלאָזן, רעוואָלוציאָנערן קעמפער, וועלכער וויל נישט בלויז „פאַרטיידיקן די קאָנסטיטוציע"...

דער זשורנאַליסט קאַרל גראַובער, וועלכער האָט נאָך די פעברואַר־טעג באַזוכט שטייערמאַרק, גיט איבער, אַז „די אַרבעטער רעדן וועגן וואַלישן, ווי וועגן אַ הייליקן". זיי, די אַרבעטער האָבן אין אים געזען די פאַרקערפּערונג פון מסירת־הנפשדיקן העלדענמוט און רעוואָלוציאָנערער קאַמפּסגרייטקייט, וועלכע פלעגט מיטרייסן דעם גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון דער פּראָווינץ שטייערמאַרק.

און ווען די אַרבעטער פון דער דאָזיקער פּראָווינץ האָבן זיך דערוואוסט, אַז אַן אויסוואורף האָט אַרויסגעגעבן „זייער וואַליש", האָבן זיי איינגעשטעלט דאָס לעבן און איבערן אויסוואורף אויסגעפירט דעם גערעכטן פּסק־דין, וואָס ער האָט זיך כשר פאַרדינט.

אין דער אונגאַרישער ראַטן־רעפּובליק

קאָלמאַן וואַליש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1889 אין בורגענ־לאַנד, אין דעם טייל אונגאַרישן לאַנד, וואָס איז אין 1920 אַריבער צו עסטרייך.

ער איז געווען אַן אונגאַר, אָבער ער האָט זיך מיט דער צייט אַסימילירט אין דער סביבה פון די דייטשע אַרבעטער אין עסטרייך.

זיינע עלטערן זענען געווען אַרבעטער און אויך ער, דער צוקונפטיקער העלד פון די פעברואַר־טעג אין עסטרייך אין יאָר 1934, איז געווען אַן אַרבעטער, אַ מויערער.

בעת דער וועלט־מלחמה האָט וואַליש זיך געמוזט, ווי אַנדערע מיליאָנען אַרבעטער, ברענגען אַ קרבן פאַר זיין „פאָטערלאַנד", פאַר דעם „פאָטערלאַנד" פון „זיין קייזערלעך־קעניגלעכער אַפּאָסטאָלישער מאַיעסטעט". וואַליש האָט גע־בלוטיקט אויפן שלאַכטפעלד, ער האָט זיך אָנגעזען אין דער מלחמה שרעקלעכע זאַכן, וועגן וועלכע ער פלעגט מיט אויפ־רעגונג דערציילן פאַר זיינע חברים.

ער איז צוריקגעקומען פון שלאַכטפעלד מיט אַ גרוי־סער אידעע: די מלחמה האָט אים געלערנט, ווי אַזוי מען דאַרף פירן דער קאַמף קעגן דער מלחמה. ער האָט שוין לאַנג געהערט צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין אונגאַרן. איצט איז ער צוגעשטאַנען צו דעם לינקן פליגל פון דער פּאַרטיי.

— צוויי זאַכן האָב איך שרעקלעך פיינט, — פלעגט מען פון אים שטענדיק הערן: פּשרות אינם קאַמף און רע־דעס אַנשטאָט מעשים, רעדעס, וועלכע דאַרפן פאַרדעקן דעם ווילן צום קאַמף...

און אָט זענען אָנגעקומען די היסטאָרישע מערץ־טעג פון 1919 אין אונגאַרן.

אין דער אונגאַרישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז פאָר־געקומען אַ שטאַרקער קאַמף: דער לינקער פליגל, צו וועלכן עס האָט אויך געהערט קאָלאָמאַן וואַליש, איז געווען דער־פאַר, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל איבערנעמען די מאַכט אין די הענט, דער רעכטער פליגל האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן דעם.

וואַליש איז דאַן שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן די רעפּ־טע. אַ צייט־חבר וואַלישס גיט איבער, אַז „קאַלאַמאַן איז שרעקלעך אויפגערעגט אויף זיינע חברים פון רעכטס". אויף אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג פון דער בודאַפּעשטער ס. ד., דעם 18־טן מערץ 1919, אין וועלכער עס האָט אויך אָנטיילגענו־מען וואַליש, האָט ער דערקלערט אָט וואָס:

— די בורזשואַזע רעגירונג פון גראַף קאַראָלי גוססט. זי איז נישט אימשטאַנד מער איינצוהאַלטן די מאַכט אין דער האַנט. די קאָמוניסטן האָבן זיך געווענדעט צו אונז וועגן איבערנעמען געמיינזאַם די מאַכט און פּראָקלאַמירן די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. עס וואָלט געווען אַ פאַר־ברעך, ווען מיר זאָלן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אָפּוואַרפן.

דעם 21־טן מערץ איז פאָרגעקומען די פאַרייניקונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי מיט דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטישער. די פאַרייניקטע פּאַרטיי האָט דאַן געטראָגן דעם נאָמען „סאָציאַליסטישע פּאַרטיי פון אונגאַרן" און נאָך אין דערזעלבער נאַכט פון 21 מערץ 1919 — האָט די פאַריי־ניקטע פּאַרטיי פּראָקלאַמירט די „אונגאַרישע ראַטן־רעפּובליק".

אין דער רעגירונג זענען געזעסן סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן.

אין די פיר און אַ האַלבן חודש, וואָס ס'האָט עק־זיסטירט די אונגאַרישע ראַטן־רעפּובליק, האָט קאַלאַמאַן וואַ־ליש גענומען אין איר אַרבעט אַ טעטיקן אָנטייל.

ער פלעגט אַרויסטרעטן אויף פאַרזאַמלונגען און מי־טינגען מיטן רוף צו פאַרטיידיקן די אונגאַרישע סאָציאַליס־טישע רעפּובליק. ער האָט אַפילו אָרגאַניזירט אָפּטיילונגען אויף צו קעמפן מיט די קאָנטררעוואָלוציאָנערע חיילות, וואָס עס האָבן געשיקט די רעגירונגען פון רומעניע, יוגאָסלאַוויע,

פראַנקרייך און טשעכאָסלאָוואַקיי. קאָלאָמאַן וואַליש האָט אויך געקעמפט אין די אָקאָפּעס מיטן שונא, וואָס האָט געוואָלט דערשטיקן די יונגע אונגאַרישע ראַטן-רעפּובליק.

ווי אַזוי מען האָלט אַ ביקס אין דער האַנט, האָט ער דאָך געוואוסט. ער האָט דאָך געבלוטיקט אויף די שלאַכט-פעלדער בעת דער וועלט-מלחמה. זיינע פריינט פון יענער צייט דערציילן וועגן אַ סך העלדישע עפּיזאָדן פון וואַלישס קאַמף מיט דער קאָנטררעוואָלוציע.

אַזוי האָט ער אין דער שפּיץ פון אַ גרופּע באַוואָפנ־טע אַרבעטער אָפּגעהאַלטן דעם מאַרש פון אַ רומענישן באַ־טאַליאָן אויף שעגעדין. „מיר האָבן פאַרטיידיקט אונזער פּאָ־זיציע ממש מיט די ציין״, — האָט וואַליש שפּעטער דערציילט מיט באַגייסטערונג, — „עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט וועלן אונז די רומענער אַרומרינגלען און אויסקוילענען איי־נעם נאָכן אַנדערן, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן נישט אָפּצוּ־טרעטן. מיר האָבן זיך געשלאָגן אַ גאַנצע נאַכט און לסוף אָפּגעשטויסן די רומענער.״

די קאָנטררעוואָלוציע האָט סוף־כל־סוף געזיגט. גאַנץ אונגאַרן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שעכט-הויז. דער טעראָר פון די זיגער לגבי די באַזיגטע רעוואָלוציאָנערן איז געווען שרעקלעך. די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז צו אָרעם, כדי זיך פאָרצושטעלן, וואָס עס זענען אויסגעשטאַנען די צענדליקער טויזנטער אַרעסטירטע און געפאַנגענע רעוואָלוּ־ציאָנערן.

אין בורגען-לאַנד, וואו וואַליש איז געווען גוט באַ־קאַנט, האָט דער נייער בלוטיקער רעזשים גענומען אַרומ־זוכן דעם „רויטן הויפּטמאַן״. די האָרטי-פּאָליציי האָט באַ־קומען אַ באַפעל פאַר יעדן פּרייז צו פּאַקן וואַלישן.

קאַלאָמאַן וואַליש האָט געוואוסט, אַז אויב ער וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די האָרטי־לייט, וועט ער אומקומען אויף אַ שוידערלעכן אופן, פונקט ווי עס זענען אומגעקומען טויזנטער אַנדערע רעוואָלוציאָנערן.

דאָס ערשטע מאָל, ווי די רעאַקציע האָט געפאָדערט וואַלישעס קאָפּ, גראָד האָט זיך דאַמאָלס נישט געפונען קיין אויסוואורף, וואָס זאָל פאַר אַ געלט־באַלוינונג אַרויסליפערן דער האָרטי־רעגירונג דעם „רויטן הויפטמאַן" און וואַליש איז געראַטעוועט געוואָרן!

אין אַן אויגוסט־נאַכט פון 1919 איז וואַליש אַריבער די גרענעץ און אָנגעקומען קיין יוגאָסלאַוויען. שוין דאַמאָלס האָט אים באַגלייט זיין יונגע העלדישע פרוי, פּאולאַ, וועלכע האָט כּסדר מיטגעמאַכט זיינע קאַמפן און טראַגישע טעג. זי האָט תּמיד געטיילט מיט אים זיין שווערן גורל אין די קריטישסטע טעג פון זיין לעבן.

אָבער אויך אין יוגאָסלאַוויען האָט זיך וואַליש געפונען אונטער דער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן און אַרויסגעגעבן צו ווערן דער האָרטי־רעגירונג אין אונגאַרן.

דער שונא האָט אים כּסדר פאַרפאָלגט. קאַלאָמאַן וואַליש האָט געמוזט אַנטלויפן אויך פון יוגאָסלאַוויען און אין אָנהויב פון 1920 איז ער אָנגעקומען אין דער פּראָווינץ שטייערמאַרק, אין אויבער־עסטרייך. לכתּחילה איז ער געקומען קיין פירשטענפעלד, וואו ער האָט אַ געוויסע צייט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר פון אַרבעטער־פאַריין.

„אַ דיקלעכער, מיטלוואוקסיקער, מיט ברייטע, מעכטיקע אַקסלען, ווי ער וואָלט גרייט געווען אויסצוהאַלטן די שווערסטע משאות, אַ פּאָר לעבעדיקע, אָבער ערנסטע אויגן און אַ טונקל־בלאָנדע טשופּרינע, זיין געזיכט האָט אויסגע-

דריקט מוט און דרייסטקייט. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן.״

אָט אַזוי שילדערן אים זיינע פריינט פון יענער צייט. אַזוי האָט ער אויסגעזען תמיד, אַזאַ איינדרוק פון אַ שטאַרקער פערזענלעכקייט האָט ער געמאַכט ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

זעקס שעה „פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור״

די שטאָט ברוק ביים טייך מור געהערט צו די מאָלערישסטע שטעט אין עסטרייך. אַ וואונדערבאַרער פּייזאַזש פון בערג און טאָלן. אַ דופטנדיקע לופט אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט און דער זיך שלענגלענדיקער טייך מור. אַ באַזונדערס מאָלערישן איינדרוק מאַכט דער טאָל טראַגעסטאָל.

ברוק ציילט צוועלף טויזנט איינוואוינער און געפינט זיך אויפן באַן-וועג ווין-טריעסט. זי איז אַן אינדוסטריע-שטאָט. די אַרבעטער זענען הויפּטזעכלעך באַשעפטיקט ביי דער אייזן און האָלץ-אינדוסטריע.

ברוק געהערט צו דער פּראָווינץ שטייערמאַרק, וועלכע איז נאָך ווין דער גרעסטער אינדוסטריעלער צענטר אין לאַנד. נאָך אַ געוויסער צייט פאַרברענגען אין פירשטענפעלד, איז וואַליש פון דאָרטן אַוועק און זיך באַזעצט אין דעם נאָענטן מאָלערישן שטעטל ברוק.

אין ברוק איז וואַליש באַלד געוואָרן פּאָפּולער ביי די אַרבעטער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי ער איז געוואָרן זייער פירער. ווייל די אַרבעטער פון די גרויסע אייזן-הוטעס פון דער „אַלפּינער מאָנטאַן-געזעלשאַפט״ און פון די פּאַפּיר-פאַבריקן האָבן דערפילט, אַז קאָלאָמאַן וואַליש

דריקט אַמבעסטן אויס זייערע שטימונגען, פאַרלאַנגען און באַדערפעניש. זיי האָבן אין אים געפונען נישט בלויז אַ פירער, נאָר אויך אַ פריינט.

ער האָט זיך נישט אויפגעפירט, ווי אַ פּאַרטייאישער באָנץ, וועלכער קוקט אויף די מאַסן פון אויבן אַראָפּ, אָדער ווייזט אַרויס אַ גרויסע פאַרפרעמדקייט צו די אייגענע פּאַר־טיי־חברים. ער האָט קיינמאָל די אַרבעטער פון ברוק און גראָץ נישט געלאָזט פילן, אַז ער איז רעד פירער, אַז פאַר אים דאַרף מען דרך־ארץ האָבן א. ד. גל. ער האָט געלעבט אין דער מאַסע, און מ י ט דער מאַסע, הגם די אַרבעטער האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער אָנפירער און אים אָנפאַר־טרויט אַלע זייערע פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אינטע־רעסן. יעדער אַרבעטער פון שטייערמאַרק האָט געקענט וואַ־לישן און יעדער פּראָלעטאַריער פון דער דאָזיקער אינדוס־טריעלער עסטרייכישער פּראָווינץ איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר זיין ליבלינג וואַליש.

אַ ווינער זשורנאַליסט כאַראַקטעריזירט וואַלישן אַזוי:
„ער האָט געלעבט אין די עסטרייכישע אינדוסטריע־צענטערס פון גראָץ און ברוק, ווי אַ קליינער דיקטאַטאָר, ער איז גע־ווען מער קאָמוניסט, ווי סאָציאַלדעמאָקראַט און ער האָט אין די ראַמען פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי שטאַרק ראַדיקאַליזירט די אינדוסטריע־אַרבעטערשאַפט פון זיין געגנט.“

צווישן די ווינערן ס. ד. און די שטייערמאַרקער ס. ד. וואו וואַליש איז געווע דער פאַקטישער אָנפירער, פלעגן תמיד פאָרקומען רייבונגען וועגן טעאָרעטישע און פּאָליטישע פראַגן.

אין 1926 יאָר האָט וואַליש אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די בּרוקער אַרבּעטער געזאָגט אַט וואָס:

— די ווינער אָנפירנדיקע חברים האָבּן אַ גרויסן טעות, אויב זיי מיינען, אַז די רעוואָלוציע פון די אַרבּעטער-מאַסן איז אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט. דער חבר רענער האָט בּכלל אַ מיינונג, אַז דעם סאָציאַליזם וועט בּרענגען אַ בּאַטשאַן... (די אַרבּעטער לאַכן דערבּיי האַרציק). דער צענטער בּינדט אונז כּסדר די הענט. דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי איז גליקלעך, ווען איינער פון אונזערע חברים ווערט בּאַשטימט אַלס בּירגערמייסטער אָדער קאָמונאַלער דירעקטאָר. איך האַלט, אַז דאָס איז נישט קיין גליק פאַר אונז, נאָר אַן אומגליק, דאָס שאַפט די אילוזיע בּיי די מאַסן, אַז מיר האָבּן די מאַכט, ווען פאַקטיש האָט די גאַנצע מאַכט, איך חזר איבּער, חברים, די גאַנצע מאַכט — די בּורזשואַזיע. דאָס שאַפן אַזעלכע אילוזיעס איז אַ געפאַר פאַר די אַרבּעטער-מאַסן, ווייל דאָס אַנטוואָפנט זייער קאַמפס-גרייטקייט און זייער פּאָליטישן בּאַוואוסטזיין.

וואַליש פלעגט זייער אָפט אַרויסטרעטן מיט אַזעלכע רעדעס, שטייענדיק אין אַ כּסדרדיקער אָפּאָזיציע צום צ. ק. פון דער ס.ד.-פּאַרטיי אין עסטרייך. ער פלעגט אויף טריט און שריט אָנווייזן אויף די פאַרשידענע פעלערן פון די ווינער „פרידנס-פּאָליטיקער" און „אָפּאָסטאָלן פון דער רעוואָלוציע אין פיר טויזנט יאָר ארום", ווי ער פלעגט אָנרופן די הויפּט-פירער פון דער פּאַרטיי.

די רייבּונגען צווישן וואַלישן און די ווינער פירער זענען געווען אַזעלכע שאַרפע, אַז די פּאַרטיי-לייטונג האָט זיך אַפילו אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק אים אויסצושליסן

פון דער פּאַרטיי. מ'האָט אַפילו וואַלישן באַשולדיקט, אַז ער איז אַן עמיסאַר פון די קאָמוניסטן...

וואַליש איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן געוואָרן. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט פון שטייערמאַרק וואָלט אוועק פון דער פּאַרטיי אויפן רוף פון איר פירער. אויסשליסן וואַלישן האָט באַדייט כּמעט אַ שפּאַלטונג אין דער עסטרייכישער פּאַרטיי. דער פאָרשלאָג איז דעריבער אַפילו נישט געשטעלט געוואָרן אויפן סדר-היום.

אָבער וואַליש האָט אַליין נישט אויפגעהערט צו שטיין אין דער שאַרפסטער אָפּאָזיציע צום ווינער צ. ק.

ענדלעך זענען אָנגעקומען די היסטאָרישע יולי-טעג אין ווין אין יאָר 1927. אין די דאָזיקע טעג האָט וואַליש אַמבולטסטן אַרויסגעוויזן זיין גרייטקייט צום קאָמפּראָמיס-לאָזן קאַמף. ער האָט געהאַנדלט אפשר פּאָליטיש נאַאיוו, אָבער דערפאַר זענען זיינע רעוואָלוציאָנערע כּוונות געווען ערלעכע און אויפריכטיקע.

אין יאַנואַר 1927 זענען דורך פאַשיסטישע הענט דערמאָרדעט געוואָרן צוויי אַרבעטער אין שאַטענדאָרף. דאָס עסטרייכישע געריכט האָט די מערדער באַפרייט. דער דאָזיקער אורטייל האָט אַרויסגערופן ביי די ווינער אַרבעטער אַ שטורעם פון פּראָטעסטן און צאָרן. דעם 15 יולי איז כּמעט סטיכיש אויסגעבראָכן אין ווין אַ פּראָטעסט-שטרייק. עס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די עלעקטראָוניע, עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די צופאָר-באַנען, טראַמווייען א. א. וו. אַ מאַסע פון הונדערט טויזנט ווינער אַרבעטער איז אַרויס אויף דער גאַס, כּדי צו פּראָטעסטירן קעגן דער עסטרייכישער שאַנד-יוסטיץ, וואָס האָט באַפרייט די מערדער פון צוויי אַרבעטער. די דעמאָנסטראַנטן האָבן קודם כּל

גענומען שטורמען דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ. „אויב עס האָט געקאָנט אַרויסגעטראָגן ווערן אַזאַ שענדלעכער אורטייל, ־ האָבן געשריגן די אויפגערעגטע אַרבעטער, – דאַן דאַרפן מיר נישט דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ, דאַן זאָל פאַרברענט ווערן אַזאַ יוסטיץ!״

די דעמאָנסטראַנטן האָבן דעם יוסטיץ־פּאַלאַץ אונטערגעצונדן. פּאָליציי און מיליטער האָבן דאַן איינגעאָרדנט אַ פאָרמעלע שחיטה איבער די דעמאָנסטראַנטן, וועלכע האָבן אויסגעשטעלט באַריקאַדן און זיך העלדיש פאַרטיידיקט. אויף די ווינער גאַסן זענען געבליבן ליגן הונדערט טויטע אַרבעטער און איבער טויזנט זענען געוואָרן פאַרוואונדעט.

ביי דער געלעגנהייט איז ווערט צו באַמערקן, אַז די ווינער ס. ד.־פירער האָבן דאַן מיט אַלע מעגלעכקייטן געפּרוווט איינצושטילן די אויפגערעגטע אַרבעטער־געמיטער, זיי אָפּהאַלטן פון קאַמף. דער פּראָקלאַמירטער גענעראַל־שטרייק איז נאָך 24 שעה אָפּגערופן געוואָרן.

גאָר אַנדערש און אויף אַ גאָר אייגנאַרטיקן אופן האָט רעאַגירט אויף די געשעענישן אין ווין – קאָלאָמאַן וואַליש.

אַלע אַנדערע עסטרייכישע פּראָווינצן האָבן מיט קיין שום זאַך נישט רעאַגירט אויף די ווינער אַרויסטרעטונגען און אויף דער בלוט־באָד, וואָס די פּאָליציי און מיליטער האָבן איינגעאָרדנט אין ווין. עס זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום דעמאָנסטראַציעס, קיין שום פּראָטעסט־שטרייקן. שאַ, שטיל, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען.

אָבער אין דעם שטעטל ברוק ביי דער מור, אין דעם דאָזיקן מאָלערישן אָרט, איז דורך וואַלישן דאַן פּראָקלאַמירט געוואָרן... די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט...

אמת, די דאָזיקע „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט״ האָט

נישט לאַנג געדויערט, סך־הכּל זעקס שעה, אָבער זי איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וואָס האָבן געהערשט און הערשן נאָך ביז היינטצוטאָג ביי דער שטייערמאַרקער אַרבעטערשאַפט.

ווי אַזוי איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די דאָזיקע „דיק־טאַטור פון פּראָלעטאַריאַט?"

ווען וואַליש האָט דערהאַלטן די טעלעגראַפישע ידיעה וועגן די ווינער געשעענישן, האָט ער תיכף צונויפגערופן אַ באַראַטונג פון די פאַבריקס־דעלעגאַטן אין ברוק. ער האָט נאָך וועגן די ווינער געשעענישן נישט געהאַט קיין גענויע פּרטים, ער האָט בלויז געוואוסט, אַז „הונדערט טויזנט אַרבעטער זענען אַרויס אויף די ווינער גאַסן און שטור־מען די רעגירונגס־געביידעס".

הייסט עס, אַז אין ווין איז רעוואָלוציע, רעוואָלוציע אין פולן זין פון וואָרט! וואַליש האָט געוואוסט, אַז די רעגירונג איז נישט צוגעגרייט זיך אַן עצה צו געבן מיט אַ מאַסע פון הונדערט טויזנט אַרבעטער, וועלכע זענען נאָך דערצו שטאַרק אָנגרייפעריש און „שטורמען רעגירונגס־גע־ביידעס". ער האָט אין קורצע ווערטער אויפגעקלערט די פאַבריקס־דעלעגאַטן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

— איצט איז נישטאָ קיין צייט אויף צו רעדן, איצט דאַרף מען טון און טון אייליק, — האָט וואַליש דערקלערט מיט אַ הויכער שטים. — דער ווינער פּראָלעטאַריאַט איז אַרויס אויף די גאַסן. מען שטורעמט רעגירונגס־געביידעס. עס קאָן זיין, אַז אין דער איצטיקער מינוט איז די רעגי־רונג שוין אַרעסטירט און אונזערע חברים האָבן שוין פאַר־כאַפּט דעם קאַנצלער־פּאַלאַץ. מיר טאָרן נישט וואַרטן קיין

איין מינוט. תּיכּף דאַרפן אַלע אַרבעטער וואַרפן די אַרבעט און אַרויס אויף דער גאַס! די פּאָליציי-אָנפירונג, דאָס גע-ריכט, דער פּאָסט-אַמט און אַלע עפנטלעכע געביידעס דאַרפן דורך אונז באַזעצט ווערן. מיר מוזן מיטהעלפן אונזערע חברים אין ווין.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען שוין געשטאַנען אַלע ברוקער פאַבריקן. די גאַסן זענען פול געוואָרן מיט אַרבע-טער. ס'זענען פאָרגעקומען דעמאָנסטראַציעס. די אַרבעטער האָבן אָן שום ווידערשטאַנד מצד דער פּאָליציי פאַרכאַפּט אַלע אָרטיקע רעגירונגס-געביידעס. די ברוקער פּאָליציי (איר צאָל איז דאַן סך-הכּל געווען פופציק מאַן), נישט ריכטנדיק זיך אייף דעם ספּאָנטאַנעם אַרויסטריט פון די אַרבעטער, זענ-דיק פאַר זיך אַזאַ פעסט-אָרגאַניזירטע אָנגרייפערישע מאַסע פון פינף טויזנט מאַן, האָט מורא געהאַט צו שטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. די פּאָליציאַנטן האָבן זיך לייכט אונטערגעגעבן און נישט געשטערט די אַרבעטער צו פאַר-נעמען די געביידעס.

מיט דער גאַנצער אַקציע האָט אָנגעפירט וואַליש. צום דאַמאָלסדיקן ברוקער פּאָליציי-קאָמיסאַר, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פּלוצלינג געשען, נישט וויסנדיק נאָך וועגן די ווינער געשעענישן, צו דעם דאָזיקן קאָמיסאַר האָט וואַליש אַזוי געזאָגט:

— אייער צייט איז אויס, הער פּאָליציי-קאָמיסאַר, איצט זענען מ י ר די באַלעבאַטים פון ברוק, ווייל אין ווין איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע און די אַרבעטער האָבן פאַר-כאַפּט די מאַכט.

דער פּאָליציי-קאָמיסאַר איז בלאַס געוואָרן. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען די ערנסטקייט פון דער לאַגע. אָבער

פֿונדעסטוועגן האָט ער טעלעפֿאָנירט קיין גראַץ וועגן הילף. האָט די רעוואָלוציע געזיגט אומעטום, וועט דאָך קיין הילף פֿון גראַץ נישט קומען, האָט זי ווידער נישט געזיגט, דאַרף מען דאָך וואָס שנעלער הילף, כּדי אָנצולערנען די „לאַנדעס־פֿאַרעטער".

דערווייל האָט וואַליש אָנגעשריבן דעם ערשטן דעקרעט, וועלכן ער האָט נישט באַוויזן אָפּצודרוקן און אַרויסצוגעבן. דעם דעקרעט האָט געלויטעט: די אַרבעטער פֿון ברוק ביי דער מור האָבן פּראָקלאַמירט די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און באַשלאָסן צו קאָנפֿיסקירן דאָס אומבאַוועגלעכע און באַוועגלעכע אייגנטום פֿון די פֿאַבריקאַנטן, פּריצים און קאַפּיטאַליסטן.

זעקס אַזייגער פֿאַרנאַכט איז קיין ברוק אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן פֿון גראַץ און אָן שום שוועריקייטן ליקווידירט די אַרויסטרעטונגען פֿון די ברוקער אַרבעטער. די אַרבעטער זענען צוריק אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון די רעגירונגס־געביידעס. אַ סך זענען אַרעסטירט געוואָרן. עס איז אויך אַרעסטירט געוואָרן דער אָנפֿירער פֿון די אַרויסטרעטונגען קאָלאָמאַן וואַליש.

אַ יאָר צייט איז וואַליש געזעסן אין גראַצער תּפֿיסה. די אַרבעטער פֿון שטייערמאַרק האָבן אַלץ אָנגעווענדט, כּדי צו באַפֿרייען זייער פֿירער, אָבער די רעגירונג האָט שוין דאַמאָלס געפֿילט, אַז וואַליש איז איר געפֿערלעכסטער שונא און האָט אים בשום אופֿן נישט געוואָלט אַרויסלאָזן אויף דער פֿריי.

אין יאָר 1928 זענען פֿאָרגעקומען וואַלן צום פּאַרלאַמענט. אויף דער שטייערמאַרקישער אַרבעטער־ליסטע האָט דער ערשטער פֿיגורירט דער פֿירער פֿון די ברוקער אַרבע-

טער קאַלאָמאַן וואַליש. ער איז דאַן געוויילט געוואָרן אין פאַרלאַמענט מיט אַ ריזיק-גרויסער צאָל שטימען.

אַלס דעפוטאַט האָט ער ווייטער נישט געקאָנט זיצן אין תפיסה. ער איז דאָך געווען אומבאַרירלעך. די רעאַקציע האָט נישט געהאַט קיין ברירה — זי האָט וואַלישן געמוזט באַפרייען פון תפיסה.

איבעריקנס זענען נאָך דאַמאָלס אין עסטרייך געווען אַנדערע צייטן...

„טורטע קאָנען דאָך נישט קעמפן!..."

אַלס געוועזענער מיליטער-מאַן האָט וואַליש אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג פון שוץ-בונד אין ברוק. ער האָט אויף דער אָרגאַניזאַציע פון שוץ-בונד געקוקט אַנדערש, ווי די ווינער פירער. אין אַ דיסקוסיע מיט דעם פירער אָטאָ בויער האָט וואַליש זיך בוכשטעבלעך אַזוי אויסגעדריקט:

— דער שוץ-בונד איז אַ באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע פון דעם עסטרייכישן אַרבעטער-קלאַס. צי דאַרף זיין ראָל בלויז זיין אין הסכם מיט זיין נאָמען (שוץ-בונד, אַ בונד צו שיצן זיך)? ניין, ער דאַרף אויך זיין גרייט אָנצוגרייפן, ווען עס וועט קומען די צייט דערצו. דער, וואָס טראַכט וועגן פאַר-טיידיקן זיך בלויז, איז תמיד שוואַכער, ווי דער, וועלכער איז גרייט אָנצופאַלן. דאָס מוזן מיר און דאַרפן געדענקען.

און ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פאַר די געשעענישן אין פעברואַר 1934 איז דער שוצבונד בלויז איין אייג-ציק מאָל אַרויסגעטרעטן אַקטיוו קעגן דער היימווער. און וואו? אין ברוק, דאָרטן, וואו ס׳איז געווען טעטיק וואַ-

ליע. אַזוי פּלעגט דער שוצבונד זיך די גאַנצע צייט בלויז באַגנוגענען מיט מאַנעוורעס און מאַרשן.

דאָס איז געווען אין אויגוסט 1929. הינטער ברוק איז פאָרגעקומען אַ פאַרווייַלונג פון אַרבעטער. די פאַרווייַלונג איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פייערלעכקייטן און רעדעס.

פלוצלונג זענען אויף דער פאַרווייַלונג אָנגעפאַלן די „אַלפּיניסטישע היימווער־יסטן". אַ סך אָנטיילנעמער זענען פאַרוואונדעט און צעשלאָגן געוואָרן. וואַליש האָט דאַן תּיכּף מאָביליזירט די שוצבונדיסטן, וועלכע האָבן זיך שאַרף אָפּגערעכנט מיט די היימווער־לייט. און נאָך פון דאַמאָלס אָן האָבן די שוואַרצע באַנדעס געטראָגן אויף וואַלישן אַ האַס און געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אָן אים נוקם צו זיין.

דער שוצבונד איז געווען זיין ליבלינגס־אָרגאַניזאַציע. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט איינגעקויפט געווער פאַר דער אים אונטערליגנדיקער אָפּטיילונג פון דער פראָווינץ שטייערמאַרק. נאָכמער: וואַליש האָט ווי אַן אַלטער מיליטער־מאַן אויסגעאַרבעט אַ גענויען סטראַטעגישן פּלאַן, ווי אַזוי די שטייערמאַרקישע אַרבעטערשאַפט וועט דאַרפן קעמפן, „ווען די צייט וועט קומען". ער פלעגט אָנווייזן, פון וועלכער זייט מ'וועט דאַרפן אַראָפּשיסן, וואו די אַרבעטער וועלן זיך דאַרפן פאַרשאַנצן א. ד. גל. זייער אָפט פלעגט מען אים טרעפן אין דער אוניפאָרם פון די שוצבונדיסטן. ער האָט געקוקט אויף דעם שוצבונד, ווי אויף „דער צוקונפטיקער אַרמיי פון פראָלעטאַריאַט", ווי ער פלעגט זיך אָפט אויסדריקן.

ווען דער עסטרייכישער מיליטער־מיניסטער האָט אין אָנהויב יאָר 1927 פאַרנומען אַלע סקלאַדעס און אַרסענאַלן פון געווער, וואָס זענען נאָך איבערגעבליבן נאָך דער אַל־

טער קייזערלעכער רעגירונג, האָט וואַליש זיך געווענדט צו זײַנע ווינער חברים, אַז זיי זאָלן אויספּועלן ביי דער רע־גירונג, אַז אַ טייל פון דעם פאַרנומענעם געווער זאָל אויך איבערגעגעבן ווערן אין רשות פון שוצבונד. ער האָט אָבער באַקומען אַן ענטפער, אַז אַזאַ ווענדונג איז נישט קאָנסטי־טוציאָנעל און, אַז די רעגירונג וועט סיי ווי סיי אָפּזאָגן.

מיט גרויס פאַרביטערונג האָט וואַליש געזען, ווי די רעגירונג רוימט־אויס רייכע אַרסענאַלן פון געווער (מיט דעמזעלבן געווער האָט מען אין זיבן יאָר אַרום חרוב גע־מאַכט די אַרבעטער־הייזער) אין דער צייט, ווען דער שוצ־בונד מוז קויפן געווער פאַר געלט.

וואַליש האָט נישט אויפגעהערט צו פאַרפולקאָמענען די שטייערמאַרקער אָפּטיילונגען פון שוצבונד. אין מיליטע־רישער הינזיכט זענען די דאָזיקע אָפּטיילונגען פון שוצבונד געווען די אַמבעסטן אָרגאַניזירטע. אָבער נישט בלויז אין מיליטערישער הינזיכט. דער אמתער קאַמפס־גייסט פון די אָפּטיילונגען, מיט וועלכע וואַליש האָט אָנגעפירט, האָט זיך אַרויסגעוויזן אין די פעברואַר־טעג. אַן אַרבעטער פון ברוק דערציילט, אַז זיי האָבן געקעמפט מיט אַזאַ עקשנות, ווייל וועלכער ער האָט קיינמאָל קיין פאַרשטעלונג נישט געהאַט. „אין שטייערמאַרק האָבן די אַרבעטער געקעמפט, ווי די לייבן" גיט איבער אַ זשורנאַליסט, וועלכער האָט זיך אין יענע טעג געפונען אין גראַץ.

ווען וואַליש איז געקומען אין פאַרלאַמענט, האָבן זיך אַלע געריכט, אַז ער וועט אַרויסטרעטן מיט שאַרפע רעדעס. די בירגערלעכע דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן אים געקענט אַלס לינקן, אַלס אָפּאָזיציאָנער אין זיין אייגענער פּאַרטיי, זענען געווען זיכער, אַז וואַליש וועט אַרויסטרעטן מיט אַ רעדע,

וועלכע מ׳האָט נאָך אין עסטרייכישן פּאַרלאַמענט נישט גע־הערט.

— וואָרט, וואָרט, מיר וועלן באַלד הערן אַ באַלשע־וויסטישע רעדע, — האָבן געשמועסט די דעפּוטאַטן אין די קולוואַרן פון פּאַרלאַמענט, ווען ס׳איז באַוואוסט געוואָרן, אַז וואַליש איז פאַרשריבן צום וואָרט.

אָבער ווען וואַליש איז אַרויף אויף דער טריבונע און גענומען רעדן, האָבן זיך אַלע אַנטוישט. ס׳איז געווען אַ גאָרנישט־זאָגנדיקע, בלאַסע רעדע.

אויך די אייגענע חברים זיינע זענען געבליבן אַנ־טוישט. אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פלעגט וואַליש אַרויס־טרעטן מיט שאַרפע און הייסע רעדעס, ער פלעגט ממש שטורמען קעגן די „אָפּאָרטוניסטישע פירער״, „די סאָציאַ־ליסטן אין ווייסע הענטשקעס״, ווי ער פלעגט אָנרופן די גרעסטע טייל צ. ק.־מיטגלידער. וואָס־זשע איז דאָ פּלוצלונג געשען? פאַרוואָס איז דער אימפּולסיווער קאָלאָמאַן וואַליש אַזוי קאַלט אַרויסגעטרעטן אויף דער טריבונע פון פּאַרלאַ־מענט?

זיינע חברים, וועלכע האָבן אים וועגן דעם געפרעגט, האָט ער געענטפערט:

— איך פיל מיך אין פּאַרלאַמענט, ווי אויף אַ פרעמ־דער חתונה. דער פּאַרלאַמענט איז שוין נישט מער קיין קאַמפּס־אַרענע, די דאָזיקע אַרענע איז איבערגעטראָגן גע־וואָרן אויף דער גאַס. איר לייגט נאָך האָפענונגען אויפן פּאַרלאַמענט, איר גלויבט אין זיין דערלייזערישער ראָל פאַרן אַרבעטער־קלאַס, איך אָבער גלויב נישט דערין. און ווייל איך גלויב נישט דערין, ווייל איך בין איבערצייגט, אַז דער פּאַרלאַמענט ציט אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון די

אַרבעטער און זיי הערן אויף צו זעען, וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס און לייגן אַלע זייערע האָפענונגען אויף די אָפּשטימונגען אין פּאַרלאַמענט, — דעריבער איז מיר די דאָזי־קע פּאַרלאַמענטאַרישע, אָפּנאַרערישע פּאַראַדע פרעמד. איך פיל מיך בעסער צווישן די אַרבעטער, אין גאַס.

ער איז נאָך אַ צוויי־דריי מאָל אַרויסגעטרעטן אין פּאַרלאַמענט, מיט דער זעלבער קאַלטקייט, וואָס דאָס ערשטע מאָל. נאָכדעם איז ער אין פּאַרלאַמענט שוין מער נישט אַרויסגעטרעטן. די גאַס, די אַרבעטער־סביבה, איז ווידער געוואָרן זיין קאַמפּס־אַרענע. דאָרטן האָט ער זיך געפילט אַמבעסטן.

אין אָנהויב 1933 איז ער אַוועק קיין גראַץ און האָט זיך דאָרט צייטווייליק באַזעצט. די ברוקער אַרבעטער איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט זייער ליבן פירער. זיי האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס וואַליש פּאַרלאָזט זיי. וואַליש האָט זיי אָבער פאַרזיכערט:

— חברים, איך פאַרזיכער אייך, אַז ביי דעם ערשטן סיגנאַל פון קאַמף, וועל איך זיין מיט אייך. איך מיין, אַז לאַנג וועט איר אויף מיר נישט דאַרפן וואַרטן. דער פאַ־שיזם הויבט שטאַרק אויף דעם קאָפּ, די טעג פון דעצי־דירנדיקן קאַמף דערנענטערן זיך פיל שנעלער, ווי עס מיי־נען די חברים פון ווין. ביי דעם ערשטן אויסברוך בין איך וו'דער ביי אייך.

„די געזעגנונג איז געווען אַ האַרציקע, — דערציילט אַ ברוקער אַרבעטער. — וואַליש האָט געשמייכלט מיט זיין געוויינלעכן, האַרציקן שמייכל. אָבער דער, וואָס האָט אים גוט געקענט, האָט געקאָנט באַמערקן אַ שטילן, באַהאַלטענעם ערנסט אין די ווינקלען פון זיין מויל און אין זיינע קלאָרע

אויגן. ווער האָט זיך דאַמאָלס געקאָנט ריכטן, אַז אונזער ליבער חבר וואַליש וועט מער נישט זיין צווישן אונז?"

וואַליש האָט זיין וואָרט געהאַלטן. בעת ס'איז אויסגעבראָכן דער קאַמף, איז ער געווען צוריק אין ברוק, נעבן זיינע חברים. ער האָט זיך צו דעם דאָזיקן קאַמף געגרייט, אים פאָרויסגעזען. און ווייל ער האָט אים פאָרויסגעזען, האָט ער כסדר געשטורעמט זיינע ווינער חברים — די אָנפירער, — אַז ס'איז „בעסער דעם קאַמף אָנצוהויבן פריער, איידער שפעטער, ווען עס וועט שוין זיין צו שפעט".

וואַליש האָט כסדר געמאָנט און גערופן, ער איז אַרויסגעטרעטן אויף פאַרשידענע פאַרזאַמלונגען, וואו די פראַגע וועגן קאַמף מיט דער דאָלפוס־רעגירונג איז בריית באַהאַנדלט געוואָרן. ער האָט פאָרגעשטעלט די געפערלעכע לאַגע, אין וועלכער די אַרבעטער וועלן זיך געפינען, נאָכדעם ווי דער שוצבונד וועט פונאַנדערגעלאָזט ווערן און די פאַרטיי וועט דערקלערט ווערן פאַר אומלעגאַל.

עטלעכע טעג איידער דער שוצבונד איז געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט און די כוונה פון דער דאָלפוס־רעגירונג, צו צעשמעטערן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, איז שוין קלאָר געווען פאַר יעדן, — אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך וואַליש געפונען אין ווין און אָנטיילגענומען אין אַן אויסערגעוויינלעכער פאַרטיי־קאָנפערענץ.

די דיסקוסיע איז געווען זייער אַ הייסע. די אַרבעטער האָבן שוין געפילט די גאַנצע ערנסטקייט פון דער לאַגע. וואַליש האָט אַמבעסטן פאַרשטאַנען און געפילט די דאָזיקע שטימונגען פון די אַרבעטער. און אָט וואָס וואַליש האָט דאַן געזאָגט אויף יענער אויסערגעוויינלעכער פאַרטיי־

קאָנפערענץ, עטלעכע חדשים פאַר די געשעענישן פון פעברואַר 1934.

— איר, — האָט ער זיך געווענדעט צו די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון צ. ק. — האַלט, אַז מיר דאַרפן זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן. דערווייל, זאָגט איר, איז נאָך דער הער דאָלפוס נישט אַזוי געוואַלדיק אַגרעסיוו אַרויסגעטרעטן קעגן די אַרבעטער. איר קומט מיט נאָך אַן אַרגומענט, איר זאָגט, אַז אין דער צייט, ווען דער הער דאָלפוס קעמפט קעגן דער היטלער־געפאַר אין עסטרייך, דאַרף אים דער אַרבעטער־קלאַס דערין צוהעלפן. אַזוי לאַנג, ווי דער הער דאָלפוס, זאָגט איר, וועט נישט אָנרירן די קאָנסטיטוציע און די אַרבעטער־רעכט, דאַרפן מיר זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. איך זאָג אָבער, חברים, אַז דער הער דאָלפוס איז קליגער פון אייך און ער איז אַ בעסערער סטראַטעגיקער. ער באַוואָפנט זיך דערווייל כסדר, די היימווער־אָרגאַניזאַציעס און דער „פאַטערלאַנד־פראָנט" ווערן כסדר פאַרגרעסערט. די רעגירונג קויפט איין האַרמאַטן פון שווערסטן קאַליבער, וועלכע זענען איר אפילו נישט דערלויבט צו האָבן לויטן סען־זשערמענער שלום־אָפּמאַך. איר בילדט זיך איין, אַז די רעגירונג באַוואָפנט זיך קעגן היטלעריזם. אָבער איר האָט אַ גרויסן טעות, חברים. דער היטלעריזם איז פאַר דעם הער דאָלפוס נישט געפערלעך, נאָר די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען פאַר אים געפערלעך און קעגן זיי האָט ער בדעה צו קעמפן! איר הייסט וואַרטן. ביז ווען? ביז דעם טאָג, ווען די רעגירונג וועט שוין האָבן אַרויפגעלייגט אויף אונזער האַלז אַ קייט? דעמאָלס וועלן מיר שוין נישט זיין אימשטאַנד צו קעמפן און אפילו, ווען מיר וועלן דעמאָלס שוין יאָ אַרויס אין גאַס, וועט אונזער קאַמף זיין אַן אויסזיכט־

לאָזער. די ערשטע דאַרפן מיר אָנגרייפן, דאַן קאָן אונזער קאַמף געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג. די רעגירונג באַוואָפנט זיך איצט, זי גרייט זיך אונז צו צעשמעטערן, לאָמיר איר שטערן אין איר פּלאַן, לאָמיר זיין די אָנגרייפער. ווארטן הייסט פאַרשפּילן, ווארטן הייסט געבן די רעגירונג צייט צו אָרגאַניזירן און פאַרפעסטיקן אירע כוחות. ווען די רעגירונג אויף אונז אָנפאַלן, ווען זי אונז אָנגרייפן, — און סוף ווען זי עס פלוצלונג, מיט איינמאָל, — דאַן וועט אונזער קאָנטר־אַקציע זיין אַ שווערע, ווייל געדענקט איין זאַך, חברים: שטענדיק געפינט זיך דער אָנגרייפער אין אַ בעסערער לאַגע, ווי דער, וואָס פאַרטיידיקט זיך.

אָטאָ בויער האָט געענטפערט. ער האָט דערקלערט, אַז וואַליש וויל דערפירן צו אַ פוטש, וואָס קאָן זיך טראַגיש ענדיקן פאַרן עסטרייכישן אַרבעטער־קלאַס.

— מיר דאַרפן באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין מיט אַ ניכטערנעם קאָפּ, — האָט געענטפערט אָטאָ בויער. — די דאָלפוס־רעגירונג וואָלט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיך לאָזן פּראָוואָצירן. עס וואָלט זיך אָנגעהויבן אַ בירגער־קריג, וועלכער וואָלט געהאַט פאַטאַלע פאָלגן פאַרן לאַנד און אַפילו פאַרן וועלט־שלום. אַרום עסטרייך קעמפן פראַנקרייך, איטאַליען און דייטשלאַנד. עס וואָלטן זיך אָנגעהויבן אינטערווענצן, די אינטערווענצן פון דעם אָדער יענעם צד וואָלטן דערפירט צו אַ נייער אייראָפּעאישער מלחמה. ניין, חברים, מ׳טאָר צו דעם דאָזיקן פּראָבלעם נישט צוגיין אַזוי לייכטזיניק, ווי עס גייט צו דערצו דער ח׳ וואַליש און אַנדערע חברים פון דער אָפּאָזיציע.

— איר ווילט אָפּשרעקן די אַרבעטער, — האָט וואַליש געמאַכט אַ צווישנרוף, — כדי זיי זאָלן מורא האָבן צו קעמפן!

וואַליש איז צוריקגעפאָרן קיין גראַץ אַ פאַרביטערטער. ער האָט געזען, ווי מיט יעדן טאָג ווערט ענגער די קייט, וואָס די רעגירונג האָט פאַרלייגט אויפן האַלז פון די אַר-בעטער-אָרגאַניזאַציעס. דער שוצבונד איז אין קורצן געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט, די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען — באַגרע-נעצט, די אַרבעטער-פרעסע — אונטער אַ שט[illegible]נג [illegible] פאַר-צענזור, די אַרבעטער-רעכט — צוגערויבט.

— ווי לאַנג וועט מען אַזוי וואַרטן? — האָט ער נישט אויפגעהערט צו פרעגן. — צי וועלן מיר וואַרטן אַזוי לאַנג ביז די קייט פון דער רעאַקציע וועט זיך אַזוי שטאַרק פאַרציען אַרום אונזער האַלז, אַז מיר וועלן אויסהויכן דעם אָטעם? אָבער טויטע קאָנען דאָך נישט קעמפן!...

די רעגירונג האָט דערווייל צוגעצויגן אַלץ מער און מער די קייט אַרום האַלז פון די אַרבעטער. די לאַגע איז געוואָרן געפערלעכער פון טאָג צו טאָג.

נישט געקוקט אויפן „סיסטעם פון אָפּוואַרטן" מצד די אָנפירער אין ווין, האָבן זיך אַ סך מיטגלידער פון שוץ-בונד שטאַרק געגרייט צו ענטפערן מיט אַ קלאַפּ אויף די אָנגריפן פון דער דאָלפוס-רעגירונג. באַזונדערס האָט זיך געגרייט דערצו וואַליש אין זיין „שטייערמאַרקישער רע-פובליק".

נאָך אַכט טעג פאַר די געשעענישן איז ווידער פאַר-געקומען אַ פאַרזאַמלונג, — דאָסמאָל שוין אָן אומלעגאַלע,— פון די פירער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. אויף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג איז אויך אַנוועזנט געווען וואַליש, וועלכער האָט שאַרף קריטיקירט די פאַרטיי-לייטונג, פאַרוואָס זי זוכט אַ וועג שלום צו מאַכן מיט דאָלפוסן, פאַרוואָס זי האַנדלט אונטער מיט קאַרדינאַלן און קריסטלעך-סאָציאַלע

פאָליטיקער וועגן דעם, אַז דאָלפוס זאָל לאָזן צורוק די אי־בערגעבליבענע אַרבעטער־רעכט.

— דאָס איז פונקט אַזוי, — האָט וואַליש דערקלערט, — ווי דער שעפּס וואָלט געשיקט אַ פאַרמיטלער צום וואָלף מיט דער בקשה, אַז ער, דער וואָלף, זאָל נישט אויפעסן דאָס שעפּסל... אַזאַ פאַרמיטלונג וועט ברענגען דערצו, אַז די רעגירונג, וועלכע האָט נאָך גערעכנט, אַז מיר זענען שטאַרק, וועט אָנהויבן צו גלויבן, אַז מיר זענען שוואַך, ווייל נאָר שוואַכע זוכן אַ וועג אויף אונטערצוהאַנדלען מיטן שונא. דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין, אַז די רעגירונג, הערנדיק, אַז מיר זענען שוואַך, וועט זי שנעלער געבן דעם קלאַפּ.

אויך דאָסמאָל האָבן די פירער אין ווין געהאַלטן, אַז מען מוז זוכן כלערליי מיטלען אויסצומיידן אַ צוזאַמענשטויס מיט דער רעגירונג, ווייל דער עסטרייכישער אַרבעטער־קלאַס איז צו שוואַך צום קאַמף, די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט האָט אָפּגעשוואַכט זיין קאַמפּס־פעיקייט, דעריבער איז אַן אומזין אַרויסצוגיין אין קאַמף.

וואַליש איז ווידער אַוועקגעפאָרן קיין גראַץ אַן אַנטוישטער. די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד איז געווען אַזאַ אָנגעגליטע, אַז ער איז זיכער געווען, אַז נישט קוקנדיק אויף אַלע אָפּהאַלטענישן, וועט דער קאַמף אויסברעכן.

און ער איז אויסגעבראָכן!

דער סיגנאַל: לינץ

„צי נישט אַמאָל צו שפּעט?" האָט וואַליש דאַן גע־זאָגט צו זיין פרוי, ווען ער האָט דערהאַלטן די ידיעה, אַז אין לינץ זענען די אַרבעטער אַרויס אין אַן אָפענעם קאַמף מיטן פאַשיזם.

ער האָט קיין איין מינוט נישט געטראַכט. ער האָט געדענקט אָן דעם צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן די אַרבע־טער פון ברוק. וואַליש און זיין פרוי זענען שוין מאָנטיק דריי בייטאָג געווען אין ברוק.

וואָס איז פאָרגעקומען אין לינץ, וועלכע האָט געדינט ווי אַ סיגנאַל צו די אַרויסטרעטונגען פון שוצבונד? פון די ציי‍טונגען איז שוין מער־ווייניקער באַקאַנט, וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען. אָבער לאָמיר אויך הערן, וואָס עס דער־ציילט אַן עדות־ראיה, אַ מענטש, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין די לינצער קאַמפן:

„מיר האָבן זיך געריכט, אַז די היימווער־לייט ווילן פאַרכאַפּן דאָס „אַרבעטער־הויז". מיר האָבן דעריבער גע־וואַכט אין דעם דאָזיקן הויז און זענען גרייט געווען אויף אַלע עווענטואַליטעטן. אין דער נאַכט פון זונטיק, דעם 11־טן פעברואַר, זענען מיר, אַ סך שוצבונדיסטן, געווען פאַרזאַמלט אין „אַרבעטער־הויז". מיר האָבן געוואוסט, אַז מ'גרייט זיך אונז צו פראָוואָצירן און מיר זענען דעריבער גרייט געווען. פאַרטאָג איז דאָס הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרוי־סער פּאָליציי־אָפּטיילונג. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט אין אַ ברוטאַלן טאָן דערקלערט, אַז ער איז געקומען דאָ זוכן גע־ווער און אונז אויפגעפאָדערט אַריינצולאָזן די פּאָליציי־אָפּ־טיילונג, כּדי דורכצופירן די רעוויזיע.

„מיר האָבן אין הויז געהאַט אַ סך געווער. ס'איז פאַר אונז קלאָר געווען, אַז מיטן מאָמענט, ווען מיר לאָזן אַריין די פּאָליציי־אָפּטיילונג, באַזעצט זי דאָס הויז, שטופּט אונז פון דאָרט אַרויס, אַרעסטירט אונז און הייבט אָן אַ שרעקלעכן טעראָר. אַ קורצע באַראַטונג — און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו ענטפערן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר, אַז ער זאָל זיך אָפּטראָגן מיט זיין אָפּטיילונג. ער האָט געענטפערט, אַז אויב מיר וועלן נישט אַרייַנלאָזן די פּאָליציי דורכצופירן די רעווידיע, וועט ער זיך אַריינרייסן מיט געוואַלד און אפילו שיסן, אויב עמעצער וועט זיך אַנטקעגנשטעלן. דערהערט אַזעלכע רייד, האָבן מיר נישט לאַנג געטראַכט און מיט ביקסן אָנגעהויבן צו שיסן אויף די פּאָליציאַנטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קעגנזייטיקע שיסעריי. ס'זענען שוין געפאַלן טויטע און פאַרוואונדעטע אויף ביידע זייטן. מיר האָבן נישט אויפגעהערט צו פייערן.

„זעט אויס, אַז די פּאָליציאַנטן האָבן מורא געקריגן. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן. אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי צוריקגעקומען מיט אַ גרעסערע אָפּטיילונג, אָבער אונזער אומאויפהערלעכער פייער האָט אויך די פאַרגרעסערטע אָפּטיילונג געצוואונגען אָפּצוטרעטן.

„מאָמענטאַל האָבן פאַרשטרייקט אַלע אַרבעטער פון די אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן געברויך און פון די פאַבריקן. אַלע זענען אַרויס אין גאַס. די פּאָליציי איז געלעגן באַהאַלטן. מיר זענען געווען די פולשטענדיקע באַלעבאַטים פון דער לאַגע. אַ גרופּע אַרבעטער האָט מיט שטורעם גענומען אַ פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, עס זענען אויך פאַרנומען געוואָרן דורך די אַרבעטער כמעט אַלע עפנטלעכע געביידעס, וואו זיי האָבן זיך פאַרשאַנצט. די גאַנצע שטאָט איז במשך פון

עטלעכע שעה באַהערשט געוואָרן דורך די באַוואָפנטע שוצבונדיסטן. מיר זענען גרייט געווען נישט אָפּצוטרעטן אונזערע פאַרנומענע פּאָזיציעס פאַר קיין שום פּרייז. דער קאַמפּס-לוסט איז ביי אַלעמען געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק. קיינער האָט זיך נישט געבראָכן.

„די אַרטיקע מאַכט-האָבער האָבן דערווייל אויף טייל גאַסן אַרויסגעהאָנגען אַ שנעל-אָפּגעדרוקטע מעלדונג, אַז אין שטאָט ווערט דערקלערט באַלאַגערונגס-צושטאַנד. מיר האָבן די מעלדונגען אַראָפּגעריסן. זיי האָבן אויף אונז גישט אָנגעוואָרפן קיין מורא, פאַרקערט. מיר האָבן זיך אויסגעלאַכט פון דעם דאָזיקן באַלאַגערונגס-צושטאַנד. באַלאַגערונגס-צושטאַנד? ווען? ווען מיר זענען די באַלעבאַטים פון דער לאַגע?!

„אָבער באַלד איז די לאַגע געוואָרן ערנסט. עס האָבן זיך באַוויזן מיליטער-אָפּטיילונגען מיט העלמען אויף די קעפּ און גוט באַוואָפנט. זיי האָבן געהאַט אין זייער רשות קוילנוואַרפערס און האַנט-גראַנאַטן. מיר — בלויז ביקסן און איין שלעכט-פונקציאָנירנדיקן קוילנוואַרפער. פונדעסטוועגן האָבן מיר אפילו נישט געטראַכט וועגן אונטערגעבן זיך. דער קאַמף איז באַנייט געוואָרן מיט אַזאַ פאַרביטערטקייט, אַז מיר זענען גרייט געווען צו שלאָגן זיך אפילו מיט די בלויזע הענט... דאָס מיליטער האָט קודם-כל גענומען שטורמען דאָס „אַרבעטער-הויז", וואו מיר האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט. איך בין געשטאַנען ביי אַ פענסטער און אומאויפהערלעך אַרויסגעשאָסן. די קוילן זענען געפלויגן איבער מיין קאָפּ. איך האָב געהערט זייער פייפעריי. דער טויט האָט נישט געשראָקן. ס'איז געווען בלויז איין ווּונטש: פאַרטרייבן די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף די דעכער פון

די שכנותדיקע הייזער און צו אונז געשאָסן, האָגלענדיק אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט מיט קוילן.

„אַ צווייטע גרופּע שוצבונדיסטן האָבן זיך אַרויסגע־קריגן צו דער העכערער טייל פון דער שטאָט. דאָרטן פון די בערג אַראָפּ, האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַשיסן דאָס מי־ליטער, וואָס האָט געשטורעמט דאָס אַרבעטער־הויז. דאָס מיליטער האָט זיך מער נישט געקאָנט קיין עצה געבן: פון פאָרנט האָבן מיר זיי מכבד געווען מיט פייער, פון הינטן האָבן געשאָסן די שוצבונדיסטן, וואָס האָבן זיך פאַרשאַנצט אויף די העכערע ערטער פון דער שטאָט. דאָס מיליטער האָט זיך אַזוי אַרום געפונען צווישן צוויי פייערן און איז געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן. עס האָט זיך געקאָנט אויס־דוכטן, אַז מיר זענען די באַלעבאַטים פון דער לאַגע, אָבער אין אַ האַלבע שעה אַרום איז אָנגעקומען אַ פּולק אַלפּן־שיסער מיט האַרמאַטן. די האַרמאַטן זענען געוואָרן אָנגעשטעלט אויף אונזערע הייזער, וואו מיר זענען געווען פאַר־שאַנצט. באַלד האָבן זיך דערהערט מוראדיקע קנאַלן. די פּאָדלאָגע אונטער מיר האָט גענומען ציטערן. „זיי האָבן גע־ברענגט האַרמאַטן", האָט אייגער דעם אַנדערן איבערגעגעבן די ידיעה.

„פּלוצלינג האָט זיך נעבן מיר דערהערט אַ מוראדיקער קראַך. איך בין אומגעפאַלן און פאַרלוירן דאָס באַוואוסט־זיין."

„זיגן, אָדער שטאַרבן“

אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן, אַזוי איז עס פאָרגעקו-מען אומעטום: אין לינץ, אין ווין, אין גראַץ, אין ברוק, אומעטום האָבן די אַרבעטער, זייערע פרויען און אַפילו די קינדער געקעמפט מיט אַזאַ העלדישקייט, וואָס איז באַוואונ-דערט געוואָרן אַפילו פון שונאים.

ווען וואַליש איז געקומען קיין ברוק, האָט ער צו-נויפגערופן זיינע חברים און דערקלערט:

— ווער עס קאָן נאָר שיסן, זאָל זיך שטעלן צוזאַ-מען מיט די חברים שוצבונדיסטן פאַרטיידיקן די אַרבעטער-הייזער. אין גאַנצן לאַנד איז דערקלערט געוואָרן באַלאַגע-רונגס-צושטאַנד. דאָס איז אַן אַרויסרוף פון דער רעגירונג. אָבער מיר נעמען דעם אַרויסרוף אָן. מיר וועלן זיך נישט בלויז פאַרטיידיקן, מיר וועלן אויך אָנגרייפן, חברים, אָנ-גרייפן פאַר יעדן פרייז, אין קעגנפאַל זענען מיר פאַרשפילט! צו די פּאָליציי-קאַשאַרן! שטורמען דעם וואָקזאַל! אַרומרינג-לען דעם בנין פון פּאָליציי-פּרעזידענט! צום געווער, חברים, צום געווער!

„ער האָט גערעדט האַסטיק, — דערציילט אַן אַרבע-טער פון ברוק. — זיין פּנים איז געווען רויט פון אויפרע-גונג. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער רעדט צו אונז, ווי אַ גענעראַל אויפן שלאַכטפעלד.“

וואַליש האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי באַפעלן. אַ טייל שוצבונדיסטן און אַרבעטער האָט ער באַפוילן צו באַזעצן די עפנטלעכע געביידעס, אַ טייל ווידער — צו פאַרשאַנצ-זיך אויף די בערגלעך אַרום דער שטאָט, פון וואַנען עס

איז לייכטער צו באַשיסן דעם קעגנער. און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן!

ברוק איז געווען אָפּגעריסן פֿון צענטער, פּונקט ווי יעדע באַזונדערע קאַמפּס־געביידע אין ווין איז געווען אָפּגעריסן איינע פֿון דער אַנדערער. ס׳איז נישט געווען קיין שום צענטראַלע אָנפֿירערשאַפֿט, קיין שום פֿון פֿאָרויס־צוגעטראַכטער סטראַטעגישער קאַמפּס־פּלאַן. די שוצבונדיסטן האָבן געקעמפֿט, ווייל דאָס געדולד האָט שוין געפּלאַצט און קיין שום „ניכטערנער אַרגומענט” וואָלט זיי שוין פֿון קאַמף נישט אָפּגעהאַלטן.

וואַליש איז געווען זיכער, אַז אַלע זיבעציק טויזנט אָרגאַניזירטע שוצבונדיסטן זענען אַרויס אין קאַמף, אַז צוזאַמען מיט זיי זענען אויך אַרויס די אַרבעטער פֿון אַלע אינדוסטרי־צענטרן און באַזונדערס פֿון ווין. ער איז געווען זיכער, אַז אין ווין איז דער אַרבעטער־קלאַס אין אַן אָנגרייפֿנדיקער לאַגע.

— מיר וועלן זיגן און מוזן זיגן! — האָט ער כּסדר גערעדט צו די אַרבעטער, לויפֿנדיק פֿון איין קאַמפּס־פּאָזיציע צו דער צווייטער, געבנדיק פֿאַרשידענע אָנווייזונגען, צופֿירנדיק כּסדר פֿרישע געווער, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פֿון פֿאַרשידענע באַהעלטענישן.

וואַליש האָט דאָך געוואוסט, אַז דער קאַמף מוז אויסברעכן, נישט היינט איז מאָרגן, דעריבער האָט ער ביי יעדער געלעגנהייט איינגעקויפֿט געווער. שוין אַפֿילו נאָכדעם, ווי דער שוצבונד איז אָפֿיציעל געוואָרן פֿאַרבאָטן, האָט וואַליש נאָך איבערגעשמוגלט געווער קיין שטייערמאַרק.

אין ערגעץ, אין קיין שום שטאָט אין עסטרייך, האָט דאָס רעגירונגס־מיליטער און די היימווער־לייט נישט אָנגע־

טראָפּן אויף אַזאַ פאַרביטערטן, העלדישן ווידערשטאַנד, ווי אין דעם שטעטל ברוק ביי דער מור.

וואַליש האָט געקעמפט בראָש פון אַ גרופּע שוצבונדיסטן, וועלכע איז באַשטאַנען פון פינף הונדערט מאַן. די צאָל קעגנער איז געווען מער ווי טאָפּלט און דערצו האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער געהאַט אין זיין רשות שווערע האַרמאַטן און פלאַמען-וואַרפער.

לכתחילה האָט וואַליש מיט זיין גרופּע, אָנגעגריפן ער האָט באַפוילן זיינע חברים שוצבונדיסטן צו פאַרנעמען אַלע עפנטלעכע געביידעס און זיך פאַרשאַנצן אַרום דער שטאָט, כדי נישט אַריינצולאָזן די פאַרשטאַרקונגען פון מיליטער.

די קאַמפן זענען פאָרגעקומען לויט אַלע רעגולערע מלחמה-כללים. וואַליש האָט אַפילו באַפוילן צו גראָבן אָקאָפּעס נעבן דער שטאָט. די ברוקער שוצבונדיסטן האָבן זיך פאַרשאַנצט נעבן יעדן פעלז, אין יעדער הויז, אומעטום, וואו ס׳איז נאָר געווען אַ סטראַטעגישער שוץ-פונקט, און געפייערט אָן אויפהער אויפן מיליטער.

אין די רייען פון די שוצבונדיסטן איז אַלע ווייל אַריינגעפאַלן אַ האַרמאַטן-קויל. עס האָבן זיך געהערט קרעכצן און פאַרצווייפלטע געשרייען פון די פרויען, וואָס האָבן אונטער דעם האָגל פון די קוילן און גראַנאַטן צוגעבראַכט זייערע מענער אַמוניציע.

— עס זענען נאָך דאָ זייער ווייניק קוילן! — האָבן געמאָלדן די פרויען.

— עס וועלן אונדז באַלד קומען צוהילף די חברים שוצבונדיסטן פון גראַץ, — האָט וואַליש פאַרזיכערט, זייענדיק איבערצייגט, אַז פון דרויסן וועט קומען הילף, אַז די צענטראַלע אָנפירונג פון שוצבונד וועט נישט לאָזן אויף

גאָטס-באַראָט די באַזונדערע קעמפנדיקע גרופּעס.

עד האָט זיך געוואָלט פאַרשטענדיקן מיט ווין, אָבער צום באַדויערן האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די טעלעפאָנישע און טעלעגראַפישע סטאַציעס אין ווין געפינען זיך נאָך אין די הענט פון דער דאָלפוס-רעגירונג.

— אונזערע אין ווין האָבן אָפּגעטון אַ נאַרישקייט, — האָט ער געזאָגט צו זיינע קעמפנדיקע חברים, וועלכע האָבן דערווייל געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד דעם מיליטער, וואָס האָט זיך געוואָלט אַריינרייסן אין שטאָט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן באַהערשט פון די שוצבונדיסטן, — יאָ, אַ גרויס נאַרישקייט: זיי האָבן קודם-כּל, און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע בעת אַ רעוואָלוציע, געדאַרפט פאַרכאַפּן די טעלעגראַפישע און טעלעפאָנישע סטאַציע, כּדי נישט צו דערלאָזן די רעגירונגס-אינסטיטוציעס זיך צו פאַרשטענדיקן איינע מיט די אַנדערע, דאַקעגן — געבן די מעגלעכקייט, אַז די רעוואָלוציאָנערן זאָלן זיך יאָ קאָנען קאָמוניקירן צווישן זיך. אַנדערש איז שווער צו קעמפן. די קעמפנדיקע אָפּטיילונגען זענען אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער. אָט האָב איך זיך איצט געוואָלט פאַרשטענדיקן מיט ווין אוממעגלעך.

אַ גאַנצע נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק און דעם גאַנצן דינסטיקדיקן טאָג האָבן די ברוקער שוצבונדיסטן איינגעהאַלטן דעם שטורעם פון מיליטער. מ'האָט זיך געשלאָגן מיט אַזאַ פאַרצווייפלונג און פאַרביטערונג, אַז די וואָס זענען שוין געווען פאַרוואונדעט און געהאַט בלוטיקע אָפענע וואונדן, האָבן נישט אַרויסגעלאָזט די ביקס פון דער האַנט און כּסדר געשאָסן.

וואַליש אַליין איז געשטאַנען ביי אַ קוילנוואַרפער און

אויפהערלעך געהאָגלט מיט קוילן אויפן מיליטער. זיין מיטהעלפער, אַ יונגער שוצבונדיסט, האָט כסדר אַריינגערוקט די פּאַסן מיט קוילן.

— אוי, בין איך הונגעריק, חבר וואַליש! — האָט דער יונגער שוצבונדיסט באַמערקט מיט אַ שמייכל.

— אין אָוונט וועלן מיר זיכער באַקומען פאַרשטאַרקונגען, דאַמאָלס וועלן אונז די חברים פון דרויסן פאַרטרעטן און מיר וועלן זיך אַביסל אָפּרוען און אָפּעסן.

די פאַרשטאַרקונג אָבער איז געקומען אויף דער זייט פון רעגירונגס-מיליטער. עס איז אָנגעקומען נאָך אַ פּולק אַלפּן-שיסער, וועלכע האָבן געבּרענגט מיט זיך שווערע הויביצעס און פלאַמענוואַרפערס.

אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער געהאָגלט מיט אַזאַ שטאַרק פייער, אַז וואַליש האָט געגעבן אַ באַפעל זיך אַרויסצוציען פון שטאָט און פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף אַ באַרג, פון וועלכן עס וועט זיין באַקוועמער צו באַשיסן דעם שונא.

דאָס צוריקציען זיך פון דער שטאָט קומט אָבער אָן זייער שווער. עס זענען דאָ פאַרוואונדעטע און שטאַרבנדיקע. די האַרמאַטן שפייען מיט פייער קעגן אַ גרופּע מענטשן, וואָס פאַרטיידיקט זיך בלויז מיט דריי קוילנוואַרפערס און ביקסן. קיין פאַרשטאַרקונג קומט נישט אָן, אין דער צייט, ווען דאָס רעגירונגס-מיליטער באַקומט כסדר פרישע כוחות.

וואַליש דערקלערט, אַז דאָס צוריקציען זיך פון שטאָט מוז פאַרקומען פאַר יעדן פּרייז, ווייל דאָס רעגירונגס-מיליטער וועט אַרומרינגלען ברוק פון אַלע זייטן און נעמען די שוצבונדיסטן געפאַנגען. און וואָס אַזאַ געפאַנגענשאַפט

באַדייט — ווייסן די אַרבעטער זייער גוט. אַ סך ענטפערן: „קיין לעבעדיקע וועלן אונז די דאָזיקע באַנדיטן נישט נע־מען געפאַנגען!"

מיט דער גרעסטער מסירת־הנפש ציט זיך וואַליש אַרויס פון דער שטאָט מיט זיינע געטרייע אָנהענגער. זיי פאַר־שאַנצן זיך אויף אַ הויכן באַרג־פעלז און הויבן אָן אַראָפּ־צוהאָגלען אויפן רעגירונגס־מיליטער, וואָס האָט זיך נישט געריכט, אַז די שוצבונדיסטן זאָלן זיך פאַרשאַנצן אויסער דער שטאָט.

מיטוואָך פאַרטאָג האָט וואַליש מיט זיין לאָרנעטע גע־קוקט אין דער ווייטקייט אַריין, האָפנדיק, אַז אָט אָט קומען אָן צו הילף שוצבונדיסטן פון גראַץ, אָדער ווין.

וואָס עס קומט פאָר אויסער ברוק האָט וואַליש נישט געוואוסט. ער איז געווען אָפּגעריסן פון דער אויסערלעכער וועלט. ער האָט אויך נישט געוואוסט, ווי אַזוי עס זעט אויס די לאַגע אין ווין. איז די דאָלפוס־רעגירונג געפאַלן? האָבן די אַרבעטער געזיגט? אָדער, אפשר, איז דער אויפ־שטאַנד דערשטיקט? ווער קאָן וויסן! אָבער דאָס איז דאָך זייער וויכטיק צו וויסן. האָבן די אַרבעטער אין ווין געזיגט, דאַן דאַרף מען ווייטער קעמפן אפילו ביז צום לעצטן שוצ־בונדיסט, דאַן וועט דאָך און מוז דאָך אָנקומען הילף! איז ווידער דער אויפשטאַנד דאָרטן שוין דערשטיקט, דאַן האָט דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל ברוק, דער קאַמף מער קיין זין נישט. קיין פאַרבינדונג איז נישטאָ. ווי עס מעלדט אַ פרוי, וועלכע האָט זיך דורכגעריסן דורך דער שטאָט, צו די אויפן באַרג פאַרשאַנצטע שוצבונדיסטן, האָט פעי געהאַלטן אַ רעדע דורכן ראַדיאָ. דער ראַדיאָ איז, הייסט עס, אין די הענט פון דער רעגירונג.

— הם... אין די הענט פון דער רעגירונג.. — האָט וואַליש ווי צו זיך געזאָגט. — דאָס איז אַ שלעכטער סימן...

ער האָט אָבער גלייך אויסגעגלייכט דעם קאָפּ און געהייסן זיינע חברים אָנהויבן אַ באַנייטע שטורם־אַטאַקע אויפן רעגירונגס־מיליטער, וואָס האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות אַרויסצושטופּן די שוצבונדיסטן פון זייער באַקוועמער פּאָזיציע אויפן באַרג־פעלז.

עס איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער און בלוטיקער קאַמף אויף טויט און אויף לעבן.

— זיגן אָדער שטאַרבן! — האָט וואַליש אַ געשריי געטון.

דאָלפוס שפּאַצירט מיט זיין קינד...

אין ווין האָבן די אַרבעטער שוצבונדיסטן געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד די היימווער־באַנדעס און דעם רעגירונגס־מיליטער. די העלדן פון פלאָרידסדאָרף, קאַרל־מאַרקס־האָף, געטע־האָף, אָטאַקרינג א. א. וו. האָבן אַזוי הע־ראָיש געקעמפט, מיט אַזאַ איבערמענשלעכער אָנשטרענגונג און מסירת־הנפש, וועלכע ס׳איז זעלטן צו טרעפן אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע קאַמפן.

מיר וועלן זיך דאָ גענויער נישט אָפּשטעלן אויף די קאַמפן אין ווין, ווייל נישט דאָס אָרט דערלויבט אונז צו געבן אַ גענוי בילד פון די ווינער קאַמפן און חוץ דעם איז אונזער ביכל הויפּטזעכלעך געווידמעט דעם הויפּט־העלד פון די עסטרייכישע געשעענישן קאָלאָמאַן וואַליש. מיר ווילן דאָ ־בלויז איבערגעבן עטלעכע פּרטים פון די ווינער געשע־

צנישן, ווי זיי ווערן דערציילט פון מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די קאַמפן.

אָט וואָס עס דערציילט אַן עד-ראיה, אַן אַנטלאָפענער שוצבונדיסט:

„מאָנטיק בייטאָג האָט דאָס רעגירונגס-מיליטער פאַרנומען די פלאָריסדאָרפער אַרבעטער-היים. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן שווערע קאַמפן בײַ די שטאָטישע וואוין-הייזער, וואו עס האָבן געוואוינט אַן ערך דריי הונדערט פאַמיליעס. מיט אַ פאָר שעה שפּעטער זענען די דאָזיקע הייזער גענומען געוואָרן אונטערן פייער פון די שווערע האַרמאַטן און גראַנאַטן. דאָרטן זענען געפאַלן אַ סך טויטע. מ׳האָט אויך געזען זיך אַרומוואַלגערן די צעריסענע אברים פון פרויען און קינדער.

„די שווערסטע קאַמפן האָבן זיך אַנטוויקלט אַרום דער אַרבעטער-היים. במשך פון די צוויי טעג און צוויי נעכט איז די אַרבעטער-היים עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. נישט קאָנענדיק ווידער אַרויסשטויסן די אַ־בעטער פון דער אַרבעטער-היים, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן זי געשטורעמט מיט שווערע האַרמאַטן-קוילן, האָבן די פאַשיסטישע באַנדעס גענומען באָמבאַרדירן דאָס הויז מיט פלאַמען-וואַרפער. די שוצבונדיסטן האָבן נאָך במשך פון צוויי שעה צייט מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג און קראַפט געקעמפט אין דער ברענענדיקער אַרבעטער-היים.

„ווען די היץ איז שוין געוואָרן אומדערטרעגלעך און ס׳איז שוין לחלוטין אוממעגלעך געווען צו פאַרבלייבן אין דער אַרבעטער-היים, האָבן פיר העלדיש-דרייסטע חברים געשיצט דעם צוריקצוג, פייערנדיק אומאויפהערלעך אויף די

חיילות פון דער רעגירונג. ווען אלע זענען שוין געהאט אפגעטרעטן, האבן די דאזיקע אומפארגלייכלעכע העלדן (ערע זייער אנדענקען!) זיך אליין אויפגעהאנגען. זיי האבן בעסער געוואלט אומקומען, איידער אריינצופאלן אין די הענט פון די צעיושעטע פאשיסטישע חיילות.

„מוראדיקע קאמפן זענען אויך פארגעקומען ארום דעם ריזיקן שטאטישן הייזער-בלאק „שלינגערהאף". הגם דארטן האבן זיך דאן געפונען פיר הונדערט פאמיליעס, — א סך פרויען און קינדער, — האט מען דערויף נישט געקוקט און די הייזער באמבארדירט מיט שווערע הארמאטן. ס'איז ממש נישט צו באשרייבן דעם העלדנמוט פון די חברים, וועלכע האבן זיך געהאלטן א טאג מיט א נאכט, נישט געקוקט אויף דער פארניכטנדיקער ווירקונג פון די הארמאטן. די פאשיסטישע חיילות האבן געוואלט ארומרינגלען דעם שלינגערהאף, כדי אוממעגלעך צו מאכן די שוצבונדיסטן אפצוטרעטן. דערצו האבן נישט דערלאזט די חברים טראמוויי-ארבעטער, וועלכע האבן זיך פארשאנצט אין דער דארטיקער טראמוויירעמיזע און זענען ארויס אין אנגריף פון דער ברונער-שטראסע. די פאליציי האט מיט שטורם געוואלט דערגרייכן די רעמיזע. איר שטורם-אנגריף איז גלענצנד אפגעשלאגן געווארן. זי איז אפגעטרעטן, איבערלאזנדיק 26 טויטע.

„נישט קאנענדיק נעמען די רעמיזע מיט שטורם, האט מען זי א גאנצע נאכט באמבארדירט מיט שראפנעלן. די ווירקונג פון דער באמבארדירונג האט געמוזט זיין א שטארקע, ווייל דער דאך פון דער רעמיזע איז געווען א לייכטער. נישט געקוקט אויף די שווערסטע קרבנות, האבן די פלאָריסדארפער טראמוויי-ארבעטער זיך פעסט געהאלטן. כדי זיי צו העלפן, האבן אנגעהויבן אן אנגריף די פייערלעשער,

וועלכע שטייען אין שכנות. מיטן אָנגריף האָט אָנגעפירט דער חבר אינזשיניער ווייסעל. זאָגן, אַז זיי האָבן באַוויזן העלדנטאַטן, איז ווייניק. זיי האָבן באַוויזן פיל מער. די פייערלעשער האָבן געצוואונגען די אַרטילעריע אָפּצושטעלן דאָס שראַפּנעלן-פייער.

„דאָסזעלבע איז פאָרגעקומען אויף כמעט אַלע גאַסן און אין אַלע הייזער-בלאָקן. פון מאָנטיק אָוונט ביז מיטוואָך זענען אָן איבעררייס פאָרגעקומען די שווערסטע שלאַכטן. די שוצבונדיסטן האָבן זיך מוטיק און פעסט געהאַלטן. די העלדישע פרויען האָבן אומדערשראָקן געבראַנגט אויף די פּאָזיציעס אַמוניציע און עסן.

„אין דער נאַכט פון דינסטיק אויף מיטוואָך איז ביים דונאַי, נישט ווייט פון דער בריק, אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ באַטעריע שווערע הויביצעס. זיבן אַזייגער אינדערפרי האָבן די הויביצעס אָנגעהויבן צו פייערן אויף דעם הייזער-בלאָק „גאַרטענשטאַט". איך און נאָך אַ שוצבונדיסט האָבן דאַן גראָד באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוגיין פון דער „גאַרטענשטאַט" אין דער ריכטונג צום דונאַי, כדי פעסטצושטעלן, ווי שטאַ־ק דער שונא איז דאָרט. ווי נאָר מיר זענען אַרויס אין גאַס, איז געפאַלן דער ערשטער גראַנאַט. ער האָט געטראָפן אין דער וואַנט צווישן לעצטן און פאָרלעצטן שטאָק פון פראָנט. דער אויפרייס האָט אָנגעמאַכט אַ מוראדיקן חורבן. אַ טייל פון לעצטן און פאָרלעצטן שטאָק איז מיט אַ מוראדיקן קראַך און שטויב געפלויגן אינדערלופטן. עס האָט אָנגעהויבן פשוט צו רעגענען מיט מעבל און אַנדערע שטוב-זאַכן צוזאַמען מיטן גרוז. דער גראַנאַט האָט אויך צעריסן דאָס בעטגעוואַנט און עס האָבן אָנגעהויבן צו פליען פעדערן, ווי שניי. געשען איז דאָס, ווי שוין געזאָגט, זיבן אַזייגער

אינדערפֿי, ווען די קינדער זענען נאָך געלעגן אין די בעטן.

„באַלד איז געפֿלויגן אַ צווייטער גראַנאַט, וועלכער האָט צושמעטערט דעם דריטן טייל פֿון בנין. דאָס דונערן פֿון די האַרמאַטן האָט זיך אויסגעמישט מיטן וואַנזיניקן געשריי און צאָרן־אויסברוך פֿון הונדערטער מענטשן, וועלכע האָבן אין די שכנישע הייזער דורך די פֿענסטער געזען די ווירקונג פֿון דאָלפֿוסעס גראַנאַטן. עטלעכע גראַנאַטן זענען געשאָסן געוואָרן צו הויך און זייער אויפֿרייס איז פֿאַרגעקומען ערגעץ אַנדערש. דערנאָך איז געפֿלויגן נאָך אַ גראַנאַט, וועלכער האָט אויפֿגעריסן אין אַ טויער פֿון דעם ריזיקן הייזער־בלאָק.

„מיט אַ קורצער צייט פֿאַר דעם דאָזיקן אויפֿרייס, האָבן פֿיל פֿרויען און קינדער גענומען ברויט אין אַנטקעגנאיבערדיקן קאָאָפּעראַטיוון געוועלב. הערנדיק די שיסעריי, האָבן זיי זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם דאָזיקן טויער. ס׳האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קראַך און די טייל פֿון הויז איז געוואָרן איינגעהילט אין ריזיקע וואָלקנס שטויב און רויך. איך און נאָך אַ שוצבונדיסט זענען פֿון שטאַרקן לופֿט־דרוק צוריקגעשליידערט געוואָרן צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט פֿון דער גאַס.

„פֿאַר אונזערע אויגן האָבן זיך אַנטפּלעקט שרעקלעכע בילדער. אָט זע איך, ווי עס קאָלערט זיך אַ פֿרויען־קאָפּ. ווען דער שטויב און גרויז איז אַוועק, האָב איך געזען אין גרויז אַ היפּשע צאָל גרויסע און קליינע מענטשלעכע פּיס, הענט און אַנדערע גלידער. איבערן גרויז איז גערונען בלוט.

„ניין, איך קאָן נישט מער, פֿאַר הייַנט – גענוג!" – פֿאַרענדיקט דער שוצבונדיסט זיין שרעקלעכע דערציילונג,

צווישן די געפאַלענע האָבן זיך אויך געפונען 85 קינדער אין עלטער פון אַ יאָר ביז זעקס יאָר. דאָלפוסעס הארמאַטן האָבן אַריינגעשאָסן אין די הייזער, וואו די קינדער זענען נאָך געלעגן אין די בעטן! די סאַניטאַרן פלעגן צונויפקלויבן קינדישע קעפלעך, הענטלעך און פיסלעך.

און אין דער „ווינער אילוסטרירטע צייטונג" האָט זיך דריי טעג נאָך די קאַמפן באַוויזן אַ פאָטאָגראַפיע: דאָלפוס שפּאַצירט מיט זיין קינד ביי דער האַנט אויף דער ווינער הויפּט-גאַס, בעת עס קומען פאָר די קאַמפן. דאָס איז געווען דאַמאָלס, ווען די האַרמאַטן-קוילן האָבן צעריסן אין פלאָרידסדאָרף, אין אָטאַקרינג, אין געטע-האָף צענדליקער קליינע קינדער. אונטער דער פאָטאָגראַפיע איז געשטאַנען געשריבן: „דער העלדישער קאַנצלער; אים שרעקן נישט די דראָונגען פון די רויטע באַנדעס. מוטיק גייט ער מיט זיין קינד שפּאַצירן".

קאָמענטאַרן צו דער דאָזיקער „העלדישקייט" זענען איבעריק...

אַ גרויסדיקער העלד אויף דער תליה

וועגן דעם, ווי אַזוי די דאָזיקע „העלדן" האָבן נקמה גענומען אָן די געפאַנגענע, שוצבונד-ארבעטער, קאָן אַמבעסטן דינען דער פאַקט מיטן אַרבעטער קאַרל מינכרייטער. עס איז, אפשר, דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע, אַז מען זאָל פאַרמשפּטן צום טויט און אויספירן דעם אורטייל איבער אַ שווער-פאַרוואונדעטן, איבער אַ מענטש, וועגן וועלכן די דאָקטוירים האָבן דערקלערט,

אַז ער קאָן סיי ווי סיי נישט לעבן. דער פאַל פון קאַרל מיניכרייטער באַווייזט אַמבעסטן, ווי עס זעט אויס די מאָראַל פון די פאַשיסטישע „העלדן".

ווער איז געווען קאַרל מיניכרייטער? ער האָט געוואוינט אין 13-טן ווינער באַצירק, וואו נעבן ענגע, אָרעמע אַרבעטער-געסלעך הויבן זיך אויף רייכע לוקסוס-הייזער און ווילעס.

בעת דער אַרבעט איז זיין לינקע האַנט געוואָרן באַשעדיקט. ער האָט געמוזט אַרבעטן בלויז מיט דער רעכטער. אין די אַרבעטער-קרייזן אין ווין האָט מען אים געקענט אַלס אַ שאַרפן קעגנער פון דער אָפיציעלער פּאַרטיי-פּאָליטיק. אין מאָמענט, ווען ער האָט זיך געשטעלט קעמפן אויף די ווינער באַריקאַדן מיט דער ביקס אין דער האַנט, איז ער אַלט געווען 41 יאָר. ווי נאָר זיין שוצבונד-גרופּע איז געוואָרן אַלאַרמירט, איז ער געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן זיך געשטעלט אין די רייען פון די קעמפנדיקע.

בעת מ'האָט אים געפאַנגען, איז ער געווען שווער פאַרוואונדעט: אַ קויל אין אַקסל און אַ קויל אין בויך. ער האָט שווער געקרעכצט, בעת מ'האָט אים איבערגעפירט אין שפּיטאָל. ווען מ'האָט אים באַנדאַזשירט די וואונדן, האָט ער פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין. די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ביי אים זענען דורך-און-דורך דורכגעלעכערט די אינגעווייד און דעריבער האָבן זיי אָנערקענט זיין לאַגע פאַר אַ האָפנונגסלאָזע.

און אין דער זעלבער צייט, וואָס דער שווער-פאַרוואונדעטער, כמעט גוססדיקער קאַרל מיניכרייטער איז געלעגן אָן באַוואוסטזיין, זענען אין שפּיטאָל אַריינגעקומען פאָ-

ליציאַנטן און מ׳האָט דעם באַוואוסטלאָזן קעמפער אַוועקגע־טראָגן אויף אַ טראָג־בעטל —

וואוהין? אין אָפּעראַציע־זאַל, כדי אים צו ראַטעווען דאָס לעבן? אין אַ צווייטן שפּיטאָל? ניין — אין געריכט אַריין, כדי די „גערעכטיקייט" זאָל ווערן באַלוינט...

ווען מען טראָגט אים אַריין אין געריכט, קומט מי־ניכדרייטער צום באַוואוסטזיין. ער קוקט זיך אַרום. וואו גע־פינט ער זיך דאָ? אין געריכט גאָר, נישט צווישן שפּיטאָל־בעטלעך? איז דאָס נישט אַמאָל אַ בייזער חלום? פיבערט ער נישט אַמאָל?

ס׳איז נישט קיין בייזער חלום, ס׳איז די ב י י ז ע ו ו י ר ק־ל ע כ ק י י ט. די ריכטער פרעגן אים אויס. ער ענטפערט מיט אַ קוים הערבאַרער שטים און ביי יעדעס וואָרט, וואָס ער רעדט אַרויס, פאַרקרימט זיך זיין געזיכט פון יסורים.

— אָנערקענט איר זיך פאַר שולדיק? — פרעגט שטרענג דער פאָרזיצער פון געריכט, ווי ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַ רויבער געשמידט אין קייטן.

שולדיק? ניין. ער האָט געקעמפט... ער איז געפאַלן פאַרוואונדעט, ווי אַ קעמפער... שולדיק? דאָס וואָרט קלינגט אים פרעמד...

דער פּראָקוראָר, דער האָפראַט דאָקטאָר וואַקסמאַן, אַ מענטש פון דער „ציוויליזירטער" אייראָפּע, אַ מענטש מיט „בילדונג", פאָדערט פאַר דעם האַלב־גוססן אַרבעטער — דעם טויט דורך הענגען. „דורך הענגען — נישט אַנדערש!"...

דער פאַרטיידיקער פּרוּווט באַווייזן: ווי קאָן מען עס איבערגעבן דעם תּלין אין די הענט אַ מענטש, וואָס האַלט סיי ווי סיי ביים שטאַרבן? דאָס איז נישט מענטשלעך, דאָס איז קעגן דער יוסטיץ, קעגן דער גערעכטיקייט. ער פאָ־

דערט דעריבער איבערצושיקן דעם פּראָצעס צו אַ געוויינ־לעך געריכט.

נאַאיווער פּאַרטיידיקער! מיניכרייטער איז דאָך געווען אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געוואוינט אין די ענגע, אָרע־מע געסלעך פון 13־טן באַצירק און ער האָט שווער געאַר־בעט מיט זיין רעכטער האַנט... ער האָט געקעמפט, געפאַלן, צוויי שווערע וואונדן. ער איז אין גסיסה־צושטאַנד. דאָס איז אָבער נאָך ווייניק — ער מוז שטאַרבן אויף דער תּליה, די אָנגעזייפטע שטריק מוז זיך פעסטער צוציען, אַנ־דערש וועט נישט רוען דאָס „איידעלע" האַרץ פון האָפראַט דאָקטאָר וואַקסמאַן...

— טויט־שטראָף דורך הענגען! — פאַלט דער נידער־טרעכטיקסטער אורטייל אין דער וועלט־געשיכטע.

קאַרל מיניכרייטער הערט נישט דעם אורטייל. ער איז ווידער אַריינגעפאַלן אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד.

ער האָט נישט געהערט, דער האַלב־גוססדיקער קעמ־פער, ווי דער פּאָרזיצער פון געריכט האָט פייערלעך און ערנסט געמאָלדן: „אין נאָמען פון דער רעפּובליק (פון דער זעלבער רעפּובליק, פאַר וועלכער די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער האָבן זיך געהייסן שלאָגן...) ווערט דער אַרבעטער קאַרל מוניכרייטער פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען"...

מ׳טראָגט אים צוריק אַרויס. אָבער נישט צוריק אין שפּיטאָל, נאָר אין תּפיסה. מען לייגט אים אַריין אין אַ קאַ־מער אויף אַ נאַרע. ער קרעכצט שווער. פון טראָגן אַהין און אַהער האָבן זיך ביי אים אויפגעעפנט די באַנדאַזשן. עס נעצט אַדורך דאָס בלוט. די באַנדאַזשן ווערן רויט...

ער ליגט אַליין. ער כאָרכלט שווער. איצט וועט אים שוין קיין קראַנקן־שוועסטער נישט איבערבינדן די באַנדאַזשן.

די ווייסקייט פון די באַנדאַזשן פאַרשווינדט ביסלעכווייז — זיי ווערן רויט...

עס עפנט זיך די טיר פון דער קאַמער. אַ פרוי אין אַן אָפגעטראָגענעם פּאַלטאָ, מיט אַ טוך אויפן קאָפּ באַווייזט זיך אויף דער שוועל. נעבן איר אַ מיידעלע פון צען יאָר, הינטער זיי אַ תפיסה־וועכטער.

— געזעגנט אייך מיט אייער מאַן! — זאָגט דער תפיסה־וועכטער.

אַ כליפּען. אַ פאַרבראָכן מיט די הענט. אויך דאָס קינד וויינט: „טאַ־טע! טאַ־טע!” דער גוססדיקער קומט צום באַוואוסטזיין. ער דערקענט זיין פרוי, זיין קינד. ער באַמיט זיך צו שמייכלען, נאָר דער שמייכל קרימט נאָך מער אויס זיין ליידנפול געזיכט. ער שעפּטשעט קוים:

— דערציי די קינדער אין מיין גייסט... זאָלן זיי נקמה נעמען... זייט געזונט...

ער וויל נאָך עפּעס זאָגן, אָבער ער קאָן נישט מער. ער פאַלט ווידער אַריין אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד. די פרוי יאָמערט, דאָס קינד וויינט הויך אויפן קול. דער תפיסה־וועכטער פירט זיי אַרויס.

אין צען מינוט אַרום האָט מען דעם באַוואוסטלאָזן אַרויסגעטראָגן אויף אַ טראָג־בעטל פון דער קאַמער אויפן הויף אַרויס. דאָרטן איז שוין געשטאַנען די תליה און נעבן דער תליה — דער תלין אָנגעטון אין שוואַרצן.

דער מיט בלוט־אָנגעזאַפּטער באַנדאַזש האָט זיך ביים טראָגן אַראָפּגערוקט פון בויך. די אָפענע וואונד האָט שטאַרק אָנגעהויבן צו בלוטיקן. איצט זענען שוין די באַנדאַזשן געווען אינגאַנצן רויט!

דאָס טראָג־בעטל מיטן שווער־פאַרוואונדעטן איז אַוועק־

געלייגט געוואָרן אויף דר'ערד נעבן דער תליה. דער תלין האָט זיך איבער אים אַראָפּגעבויגן, ברוטאַל אַ כאַפּ געטון דעם קאָפּ און אַרויפגערוקט די פּעטליע אויפן האַלז. נאָכדעם האָט ער צוזאַמען מיט דעם געהילף אויפגעשטעלט דעם גוססדיקן מענטש.

מיניכרייטער איז צוריקגעפאַלן. דיביידע תלינים האָבן אים פעסט צוגעהאַלטן. ערשט איצט, ביי דער תליה, איז מיניכרייטער געקומען צום פולשטענדיקן באַוואוסטזיין און זיך מאָמענטאַל אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, וואָס מיט אים קומט פאָר.

מיט די לעצטע, איבערמענטשלעכע כוחות האָט ער אַ געשריי געטון:

— איך שטאַרב פאַר דער רעוואָלוציע! זאָל לעבן די אַרבעטער-רעוואָלוציע!

דער תלין האָט אַ צי געטון די שטריק, אַוועקגעשליידערט דאָס בענקל פון אונטער מיניכרייטערס פיס. ער איז געבליבן הענגען.

פון דער אָפענער וואונד אויפן בויך האָט געטריפט פריש, וואַרעם בלוט... און די באַנדאַזשן זענען נאָך אַלץ געווען רויט... דורכגעווייקט פון בלוט...

און געשען איז דאָס אין יאָר 1934, אין דער עכט-אייראָפּעאישער שטאָט ווין, אין דעם געמיטלעכן, רואיקן ווין פון שטרויסנס וואַלצערס און קריסטלעך-סאָציאַלער „באַרמהאַרציקייט"...

אַליין אין די וועלדער

אין דער צייט, ווען די ווינער העלדן האָבן געשטעלט אַ פּאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד דער פּאָליציי, רעגירונגס-מיליטער און די היימווער-באַנדעס און נישט געקאָנט אפילו טראַכטן וועגן קומען צוהילף די קעמפּערישע אָפּטיילונגען אין לינץ, גראַץ, ברוק און אַנדערע שטעט — אין דער זעלבער צייט איז די לאַגע פון וואַלישס גרופּע שוצבונדיסטן געווען אַ פּאַרצווייפלטע. דאָס מיליטער האָט אַרומגערינגלט דעם באַרג און אָנגעהויבן אַזאַ מוראַדיקן שטורם פון האַרמאַטן-פייער און מינען-וואַרפער, אַז די בערג אַרום האָבן ממש געציטערט און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט וועלן זיך די קאָלאָסן — די בערג-פעלזן — צעשפּרינגען אויף שטיקער.

נאָך אַ זעקס-שעהדיקן קאַמף האָבן די היימווער-לייט און אַלפּן-שיסער זיך אַרויפבאַקומען אויפן באַרג. פיר הונדערט שוצבונדיסטן זענען אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַלע זייטן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און זיך אונטערגעגעבן.

וואַלישן אַליין מיט אַ גרופּע פון הונדערט מאַן איז געלונגען זיך אַדורכצורייסן דורך דער קייט פון מיליטער. זיי האָבן אויסגעצייכנט געקענט די בערג און האָבן זיך פאַרשטעקט אין אַ טאָל צווישן די בוימער.

דערנאָך האָבן זיי גענומען גיין מיט שנעלע טריט. וואַליש האָט שוין איצט איינגעזען, אַז דער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער. ער איז געבליבן מיט אַ גרופּע פון הונדערט מאַן, וואָס האָט געהאַט סך-הכל פערציק ביקסן און ווייניק קוילן. עסן האָט אויך אויסגעפעלט און וואַליש האָט דערי-

בער געהאַלטן, אַז יעדער ווייטערדיקער קאַמף איז זינלאָז.

ער האָט דעריבער געעצהט, אַז מ'זאָל זיך אַריבערכאַפּן איבער דער טשעכישער גרענעץ. גייענדיק צווישן וועלדער, אין דער בערגיקער געגנט, וואָלטן זיי אומבאַמערקט פֿון דעם שונא זיך געקאָנט אַריבערכאַפּן קיין טשעכיען.

אָפּגייענדיק עטלעכע קילאָמעטער אין וואַלד, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרעסערן פּאַטרול פֿון די היימווער־לייט. דער פּאַטרול האָט געעפֿנט אויף וואַלישס גרופּע אַ שיסעריי. די שוצבונדיסטן האָבן געענטפֿערט מיט אַ זאַלפּ פֿון פערציק ביקסן. די שיסעריי האָט געדויערט אַ געוויסע צייט. דערנאָך איז דער היימווער־פּאַטרול אָפּגעטרעטן. פֿון וואַלישס גרופּע זענען געבליבן ליגן אין וואַלד פֿינף טויטע.

— חברים, — האָט וואַליש זיך אָנגערופֿן נאָכדעם, ווי דער היימווער־פּאַטרול איז אָפּגעטרעטן, — מיר טאָרן איצט נישט זיין אין קיין גרויסער גרופּע. די היימווער־באַנדעס וועלן אַזוי אַרום לייכטער פֿאַלן אויף אונזערע שפּורן. צוואָס זאָלן מיר אַלע אַריינפֿאַלן אין די הענט פֿון אונזערע שונאים? אין קליינע גרופּעס וועלן מיר ענדער קאָנען אַריבער די גרענעץ.

דער עולם האָט זיך צוטיילט און אַוועק אין באַזונדערע גרופּן אין פֿאַרשידענע ריכטונגען. וואַליש איז איבערגעבליבן מיט אַ געטרייער גרופּע פֿון צען מאַן, וועלכע האָט אים נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער צווישן געדיכטע וועלדער. וואַליש איז געגאַנגען אַ שווייגנדיקער און זעלטן אַרויסגערעדט אַ וואָרט. אַלע פּאָר מינוט האָט מען זיך אָפּגע־

שטעלט, כּדי זיך איינצוהאָרכן, אויב מען ווערט נישט פאַר־פאָלגט פון די היימווער־באַנדעס.

שטיל. עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינט. די ערד איז גע־פרוירן און גליטשיק. עס פאַלט־צו די נאַכט. די גרופּע מענטשן גייט ווייטער. מ׳וויל זיך צוקריגן צו דער טשעכי־שער גרענעץ.

זיי בלאָנדזשען אַ גאַנצע נאַכט אין די וועלדער. אינ־דערפרי קומען זיי צו צו אַ פעלד. זיי באַגעגענען אַ פּויער. ער קוקט אויף זיי פאַרדעכטיק. זיי פרעגן אים וועגן וועג קיין אַדמאָנט, אַ שטעטל נישט ווייט פון דער גרע־נעץ. „כ׳ווייס נישט", ענטפערט דער פּויער בייז און גייט ווייטער.

— מיר מוזן זיך ווידער פונאַנדערטיילן, — לייגט ווײ־טער פאָר וואַליש. — אַ גרעסערע גרופּע רופט אַרויס אַ פאַרדאַכט. ס׳קאָן זיין, אַז דער פּויער איז אַ היימווערניסט. ער קאָן אונדז מסרן.

— ווי קאָנען מיר אייך לאָזן אַליין, חבר וואַליש? — פרעגן די לעצטע שוצבונדיסטן, וועלכע באַגלייטן אים.

— ווען איך וועל זיין אַליין, וועל איך זיך ענדער קאָנען ראַטעווען, — ענטפערט וואַליש. — איין, אָדער צוויי מענטשן איז לייכטער זיך אַריבערצוכאַפּן די גרענעץ. אָבער איך האָב צו אייך אַ בקשה, חברים, זאָל עמיצער פון אייך זיך אַדורכקריגן קיין ברוק און זאָגן מיין פרוי, אַז זי זאָל דאָ אַהערקומען. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל בלייבן אין ברוק — די פאַשיסטישע באַנדעס וועלן זי פאַר־פייניקן צום טויט, כּדי זי זאָל אויסזאָגן, וואו איך געפין זיך. איז עמיצער פון אייך גרייט מיר צו טון די דאָזיקע

געפעליקייט? איר וועט איר אָנגעבן גענוי דאָס אָרט, וואו איך געפין זיך.

די שוצבונדיסטן האָבן זיך האַרציק געזעגנט מיט וואַלישן. זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן מודיע זיין דער פרוי, וואו ער געפינט זיך. ער האָט זיך פאַרקליבן אין אַ הייל אין די בערג, וועלכע די חברים זיינע האָבן אויסגעלייגט מיט גראָבע לעדער. זיי זענען אַוועק און וואַליש, אַ טויט-מידער, האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, איינהילנדיק זיך אין זיין גרוי רעקל מיטן פוטערנעם קאָלנער.

ער איז אָבער לאַנג נישט געשלאָפן. אַ שניידנדיקע קעלט האָט אַדורכגענומען אַלע זיינע ביינער. ער איז צוריק אַרויסגעקראָכן פון דער הייל און גענומען אַרומשפּאַנען הין און צוריק אין וואַלד, כּדי זיך צו דערוואַרעמען.

ס׳איז געוואָרן פינסטער. וואַליש האָט אויפגעגעסן דאָס לעצטע שטיקל ברויט מיט שינקע, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך און אין שווערע, מאַטערנדיקע געדאַנקען פאַרבּרענגט איינער אַליין די נאַכט אין וואַלד.

צומאָרגנס אַרום עלף אַזייגער פאַמיטאָג האָט ער דערהערט טריט. ער האָט זיך אינסטינקטיוו אַ כאַפּ געטון צום רעוואָלווער, אָבער באַלד האָט ער צווישן די ביימער דערזען די געשטאַלט פון זיין פרוי. זי איז געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגן שוצבונדיסט, וועלכער האָט איר אָנגעוויזן דאָס אָרט, וואו איר מאַן געפינט זיך.

זי איז געווען זייער טרויעריק און נידערגעשלאָגן. זי האָט פאַר אים געהאַט אַ שרעקלעכע נייעס: די רעגירונג האָט באַשטימט אַ באַלוינונג פון צען טויזנט שילינג פאַר וואַלישס קאָפּ!

— אַזש צען טויזנט שילינג! — האָט זיך וואַליש צע-

שמייכלט, — איך האָב ביז איצט נישט געוואוסט, אַז מיין קאָפּ האָט פאַר די פּאַשיסטישע באַנדעס אַזאַ גרויסן ווערט...

די פרוי האָט אים געבּרענגט אַן אַנדער הוט, אַ ברייטן אַלפּינישן הוט און אַ פּאָר ברילן. אויב מ'האָט פאַר כאַפּן וואַלישן באַשטימט אַ באַלוינונג פון צען טויזנט שילינג — קאָנען זיך דאָך געפינען מנוּוולים, וואָס וועלן גרייט זיין אים אויסצוגעבן, — זאָל ער דעריבער ענדערן זיין אויסזען, כדי מ'זאָל אים נישט דערקענען.

— און איצט דאַרף מען ווי אַמשנעלסטן אַנטלויפן אויף דער טשעכישער זייט, — האָט פּאַולאַ וואַליש דער־קלערט,—די באַנדעס לויערן אויף דיר פון אַלע זייטן. אַלע זשאַנדאַרמען-פּאָסטנס זענען טעלעגראַפיש אינפאָרמירט גע־וואָרן, כדי דיך צו כאַפּן. אויב מיר וועלן במשך פון היינ־טיקן טאָג נישט אַריבער די גרענעץ, דאַן איז די לאַגע האָפנונגסלאָז. די באַנדע וויל דיך פאַר יעדן פרייז אומ־ברענגען.

די פרוי האָט געבּרענגט מיט זיך עטלעכע הונדערט שילינג, זייער גאַנץ פאַרמעגן. דער יונגער שוצבונדיסט, וואָס איז געקומען מיט פּאַולאַ וואַליש, האָט פאָרגעלייגט פאָלגנדיקן פּלאַן: אַזוי ווי צו דער גרענעץ איז נאָך גענוג ווייט און צופוס, דורך די וועלדער, וועט עס געדויערן לאַנג, וואָס עס קאָן זיין זייער געפערלעך, דעריבער איז אַמ־בעסטן צו דינגען אַן אויטאָ, וואָס וועט וואַלישן מיט זיין פרוי צופירן צו אַ גרענעץ-שטעטל.

וואַליש האָט מסכים געווען. ער האָט נאָר צוגעגעבן, אַז מען דאַרף לכתחילה נישט אָנגעבן דעם שאָפער דאָס אייגנטלעכע אָרט, וואו זיי ווילן פאָרן, ווייל דאָס קאָן אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. דער יונגער שוצבונדיסט האָט דער־

קלערט, אז ער נעמט אויף זיך צו דערליידיקן אלץ אין דער בעסטער אָרדענונג.

וואַליש און זיין פרוי זענען איבערגעבליבן אין וואַלד. דער שוצבונדיסט האָט צוגעזאָגט צו קומען אינדערפרי. דאַמאָלס וועלן זיי אַוועק צום אויטאָ און אַוועקפאָרן.

די נאַכט איז געווען אַ קאַלטע. ס׳איז געפאַלן אַ דינער שניי. וואַליש איז געווען שרעקלעך צעבראָכן און מיד. דער קאָפּ איז אים שווער אַראָפּגעהאָנגען. די אויגן האָבן זיך געקלעפּט. ער האָט פּשוט נישט געקאָנט איינשטיין אויף די פיס.

— קאַלמאַן, טייערער, לייג זיך צו אַביסל, — האָט די פרוי געבעטן און אויסגעשפּרייט איר מאַנטל אויפן שניי.

— ניין, ניין, טו צוריק אָן דעם מאַנטל, וועסט זיך פאַרקילן, — האָט ער פּראָטעסטירט און זי געצוואונגען צוריק אָנצוטון דעם מאַנטל.

ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אין שניי, זיך איינגעטוליעט אין זיין קורצן פּאַלטאָ און באַלד איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן שלאָף.

די פרוי איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און אין דער שווערער, אומהיימלעכער וואַלד־שטילקייט געוואַכט איבער איר שלאָפנדיקן העלד.

יהודה איש־קריות...

שבת, דעם 17־טן פעברואַר, אַכט אַזייגער אין אָוונט, איז צו איינער פון די אויטאָ-דראָזשקעס, וואָס שטייען נעבן וואָקזאַל פון דעם שטעטל לעאָבען, צוגעקומען אַ יונגערמאַן און געפרעגט דעם שאָפער, צי ער וואָלט זיך אונטערגענומען צו פאָרן מיט צוויי פּאַסאַזשירן קיין זעמערינג.

— אַ שפּאַציר? — האָט געפרעגט דער שאָפער.

— נו, יאָ... — האָט דער יונגערמאַן שטיל געענטפערט.

מ׳איז מושוה געוואָרן 200 שילינג. דער יונגערמאַן האָט געגעבן אַ קאַנטאָ הונדערט שילינג און אָפּגערעדט מיטן שאָפער, אַז מאָרגן באַלד אינדערפרי זאָל ער וואַרטן נעבן וואָקזאַל אין אָבער-אייך, אַ סטאַציע צווישן ברוק און לעאָבען.

צומאָרגנס זונטיק, דעם 18־טן, ניין אַ זייגער אינדערפרי, איז דער שוצבונדיסט צוזאַמען מיט וואַלישן און זיין פרוי אָנגעקומען קיין אָבער-אייך און זיך געלאָזט צום אָרט, וואו ס׳האָט אויף זיי געוואַרט דער אויטאָ.

וואַלישן איז איצט שווער געווען צו דערקענען. אין ברייטן, אַלפּינישן הוט, אין די שוואַרצע הויזן און שטיפל, ווי אויך די ברילן, וואָס ער האָט איצט געטראָגן — דאָס אַלץ האָט אין אַ געוויסער מאָס געענדערט זיין אויסזען. ער האָט זיך מיט דער פרוי אַריינגעזעצט אין אויטאָ, זיך געזעגנט מיטן יונגן שוצבונדיסט, זאָגנדיק מיט אַ טרויעריקן שמייכל:

— צום ווידערזען אין פריילעכערע באַדינגונגען...

ווען דער אויטאָ האָט געריררט פון אָרט, האָט וואַליש דערקלערט דעם שאָפער, אַז אָנשטאָט קיין זעמערינג, זאָל ער פאָרן קיין וואַלד. אַזוי ווי דער דאָזיקער וועג איז אַ קורצערער וועט דאָך דער שאָפער, אודאי, נישט זיין דאַ־קעגן, אים איז דאָך אַלץ איינס.

— קיין וואַלד, זאָל זיין קיין וואַלד, — האָט דער שאָפער דערקלערט און גענומען פאָרן אויפן שאָסיי, וואָס פירט צו דעם שטעטל וואַלד.

וואַליש האָט שטילערהייט גערעדט מיט זיין פרוי, כּדי דער שאָפער זאָל נישט הערן וועגן וואָס זיי רעדן. דער אויטאָ איז געפאָרן זייער שנעל. אָבער וואַלישן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער פאָרט פּאַמעלעך. ווען דער אויטאָ וואָלט איצט געפלויגן מיט אַ שנעלקייט פון צוויי הונדערט קילאָמעטער אין אַ שעה, וואָלט זיך וואַלישן אַלץ אויסגע־דוכט, אַז ער פאָרט נישט גענוג שנעל.

ענדלעך האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט. זיי זענען געווען אין שטעטל וואַלד.

— אַך, וואָס פאַר אַ שיין וועטער, — האָט וואַליש באַמערקט צום שאָפער. — פאָרט ווייטער, איך וועל אייך באַצאָלן, אָט האָט איר אַ קאָנטאָ, פאָרט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איך וועל אייך נישט הייסן זיך אָפּשטעלן.

וואַליש האָט דערלאַנגט דעם שאָפער פופציק שילינג. דאָס געלט האָט דעם שאָפער צוגעגעבן חשק, ער האָט גע־לאָזט דעם מאָטאָר און געפאָרן מיט אַ גרויסער שנעלקייט.

זיי זענען פאַרבייגעפאָרן די שטעט זעלצטאַל און לי־צען, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף קיין איין מינוט. בלויז אין ליצען איז דער אויטאָ געבליבן שטיין אויף אַ ווייל,

פֿדי אָנצוגעמען בענזין. דאָרטן איז גראָד פֿאַרבײַגעגאַנגען א באַן-קאָנדוקטאָר, וועלכער האָט וואַלישן זייער גוט געקענט. וואַליש האָט אַרויסגעקוקט פֿון אויטאָ און דער באַן-קאָנדוק-טאָר האָט אים גלייך דערקענט.

— דאָס איז דאָך וואַליש, אָהאָ! — האָט דער באַן-קאָנדוקטאָר צופֿרידן אַ שמייכל געטון.

ער האָט נאָכאַמאָל נאָכגעקוקט דעם אויטאָ, געזען אין וועלכער ריכטונג ער פֿאָרט און באַלד אַוועק אין דער פּאָ-ליציי.

— צען טויזנט שילינג, צען טויזנט שילינג — דאָס וועט זיין שוין איינמאָל אַ לעבן—האָט דער באַן-קאָנדוקטאָר צופֿרידן זיך געריבן די הענט.

דעם באַן-קאָנדוקטאָר האָט אויפֿגענומען דער אָנפֿירער פֿון דעם זשאַנדאַרמען-פּאָסטן אין ליצען — אינספּעקטאָר זאַ-גער. ער האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט דעם באַן-קאָנדוק-טאָר, פֿאַרשריבן זיין נאָמען און תּיכּף טעלעפֿאָניש מודיע געווען אַלע זשאַנדאַרמען-פּאָסטנס פֿון קרייז, קודם כּל דעם זשאַנדאַרמען-פּאָסטן אין אַדמאָנט, אַז דער געזוכטער קאָלאָ-מאַן וואַליש פֿאָרט אין דער ריכטונג פֿון אַדמאָנט און דע-ריבער זאָל מען אומבאַדינגט זען אים צו כאַפּן.

— הער אינספּעקטאָר, איך וועל זיכער באַקומען די באַלוינונג? — האָט דער באַן-קאָנדוקטאָר געפֿרעגט.

— אומבאַדינגט, מיט אַ דאַנק דערצו.

— אָבער איך וואָלט געוואָלט, אַז מיין נאָמען זאָל בלייבן שטרענג געהיים, ווייל איר ווייסט דאָך, די פֿריינט פֿון דעם דאָזיקן וואַליש וועלן זיך נאָך אין מיר נוקם זיין! — האָט דער באַן-קאָנדוקטאָר דערקלערט מיט אַ שטי-לער שטים.

— איר מעגט זיין פולשטענדיק רואיק. איר דאַרפט קיין שום מורא נישט האָבן. קיינער וועט דערפון נישט וויסן.

פון צוויי קעגנזעצלעכע זייטן, סיי פון ליצען און סיי פון אַדמאָנט, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זשאַנדאַרמען־אָפטיילונגען אויף אויטאָס, כדי נאָכצויאָגן און צו כאַפן וואַלישן. וואַליש האָט זיך איצט געפונען אין אַ קלעם, אָבער ער האָט וועגן דעם נישט געוואוסט, ער האָט נישט געוואוסט, אַז אַ יהודה איש קריות האָט פאַרקויפט זיין קאָפּ פאַר צען טויזנט שילינג...

„ווען הענגט שוין דער דאָזיקער געפערלעכער בונטאָוושטשיק ?...״

דערווייל איז מיט וואַלישס אויטאָ געשען איין אומגליק נאָכן צווייטן, ווי דער גורל וואָלט זיך פאַרבונדן מיט וואַלישס שונאים.

נעבן דערפל רייטטאַל איז דער אויטאָ אַריינגעפאַלן אין אַ ראָוו. דער שאָפער און וואַליש האָבן זיך אַליין נישט געקאָנט קיין עצה געבן און זיי האָבן געמוזט רופן אַ פויער, וועלכער האָט זיי געהאָלפן אַרויפשלעפן דעם אויטאָ אויפן שאָסיי אַרויף.

מען פאָרט אָפּ נאָך אַ קילאָמעטער — סטאָפּ! דער אויטאָ בלייבט ווידער שטיין — אַ ראָד האָט געפּלאַצט. וואַליש האָט געזען, אַז עס גייט מיט דער פוטער אַראָפּ און דעריבער באַשלאָסן אויסצושטייגן פון אויטאָ און צוצוגיין צופוס צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע אַרדנינג, פון וואַנען ער וועט מיטן צוג צופאָרן ביז אַדמאָנט און פון דאָרטן איז שוין נישט ווייט צו דער גרענעץ.

ווי געזאָגט האָט וואַליש נישט געוואוסט, אַז מען פאַרפאָלגט אים שוין פון צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען, אין קעגנפאַל וואָלט ער זיך אויסבאַהאַלטן צוריק אין די אַרומיקע וועלדער.

וואַליש און זיין פרוי זענען נאָך אַ האַלבע שעה גאַנג אָנגעקומען אויפן פּעראָן פון דער סטאַציע אַרדנינג. דאָ האָבן זיי גענומען וואַרטן אויפן אָנקומענדיקן צוג קיין אַדמאָנט. וואַליש האָט דערווייל דורכגעקוקט דעם רייזע־פּלאַן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט.

פלוצלונג האָט וואַלישס פרוי באַמערקט, ווי דער פּע־ראַן ווערט פול מיט זשאַנדאַרמען, וועלכע נישטערן און קוקן אין אַלע זייטן. זי האָט שטיל און האַסטיק אַ זאָג געטון צום מאַן:

— קאַלאַמאַן, מיר זענען פאַרלוירן!

אין דעם זעלבן מאָמענט זענען צו וואַלישן צוגעלאָפן עטלעכע זשאַנדאַרמען מיט דעם זשאַנדאַרמען־אָפיציר וויסאַוּער אַן דער שפּיץ.

— די הענט אין דער הויך! זענט איר קאַלאַמאַן וואַליש? — האָט וויסאַוּער אַ געשריי געטון.

— יאָ, איך בין עס! — האָט וואַליש געענטפערט מיט אַ פעסטער שטים, וויסנדיק, אַז סיי ווי סיי וועט מען אים דערקענען.

— איר זענט אַרעסטירט!

ער האָט זיך געלאָזט אַרעסטירן אָן שום ווידערשטאַנד. סיי אים און סיי זיין פרוי האָט מען תּיכּף געשמידט אין קייטן און אין אַן אויטאָ אָפּגעפירט קיין לעאָבען.

די זשאַנדאַרמעריע האָט אים גענומען אויפן ערשטן פאַרהער. ער האָט נישט געגעבן קיין שום ענטפער. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און געשוויגן.

— צי ווייסט איר, אַז אייך דערוואַרט אַלץ איינס דער טויט? — פרעגט אים דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר.

— כ׳ווייס, — ענטפערט וואַליש, — איך דערוואַרט נישט פון אייך קיין שום רחמנות.

אין עטלעכע שעה אַרום שטייט שוין וואַליש פאַרן קריגס־געריכט אין לעאָבען. די פרוי זיינע ווערט איבערגעגעבן צו אַ געוויינלעך געריכט.

ער האַלט זיך דרייסט, מוטיק. מיט אַן אויפגעהויבענעם

קאָפּ זיצט ער אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק. ער ווייסט, וואָס אים דערוואַרט, אָבער אויף זיין געזיכט איז נישט צו באַמערקן דעם מינדסטן סימן פון שרעק.

— זענט איר זיך מודה אין אָרגאַניזירן אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג? — פרעגט דער פאָרזיצער פון קריגס-געריכט.

— יאָ, איך האָב עס געטון מיטן פולן באַוואוסטזיין און באַדויער עס נישט. איך באַדויער נאָר בלויז, וואָס מיר האָבן נישט געזיגט. דאַמאָלס, מיינע הערן, וואָלט איר געזעסן אויף דעם אָרט, וואו איך זיץ איצט, — גיט וואַליש צו מיט אַ שמייכל.

דאָס געריכט קאָן זיך נישט דעצידירן: פאַרמשפטן וואַלישן צום טויט? שוין אַזויפיל טויט-אורטיילן! וואַליש איז דאָך זייער פּאָפּולער. בירגערמייסטער פון ברוק. פירער פון די ברוקער אַרבעטער, באַקאַנט און געאַכטעט אין גאַנץ שטייערמאַרק. עס וועט אויסברעכן אַ שטורעם. דאָס קריגס-געריכט איז שוין גרייט וואַלישן צו פאַרמשפטן אויף אייביקע תפיסה.

אָבער אָט קלינגט דער טעלעפאָן פון ווין. עס רעדט דער יוסטיץ-מיניסטער: „נו, וואָס הערט זיך, ווען הענגט שוין דער דאָזיקער געפערלעכער בונטאָווטשיק?"

דאָס געריכט קאָן זיך נישט דעצידירן: ניין, ניין, מ'טאָר וואַלישן נישט פאַרמשפטן צום טויט. עס קאָנען זיין שלעכטע פאָלגן. אָבער אָט קלינגט ווידער דער טעלעפאָן פון ווין: „די רעגירונג איז דורכאויס דערפאַר, אַז וואַליש זאָל פאַרמשפט ווערן צום טויט!"

עס העלפט נישט. אַלע פופצן מינוט קלינגט דער טע-

לעפאָן פון ווין, אַז וואַליש מוז שטאַרבן! די מיניסטאָרן וועלן נישט קאָנען רואיק שלאָפן, די אַלטע קייזערלעך-קעניג-לעכע באַראָנען און פירשטן שרעקן זיך פאַר דעם „געשפענסט וואַליש". פאַרוואָס זאָלן די מיניסטאָרן נישט קאָנען רואיק שלאָפן? פאַרוואָס זאָלן די שטאַרהעמבערגס נישט זיין באַ-פרייט פון דעם שווערן „וואַליש-קאָשמאַר"?

דאָס געריכט איז אונטערטעניק. באַפעל איז באַפעל. דער אורטייל פאַלט:

— קאָלאָמאַן וואַליש ווערט פאַרמשפט צום טויט דורך הענגען!

— ווי שפעט איז איצט? — פרעגט וואַליש ביי די זשאַנדאַרמען, וואָס פירן אים אַרויס פון געריכט.

— ניין אַזייגער.

ניין אַזייגער. ער האָט נאָך צו לעבן צוויי שעה.

— הער פראָקוראָר, איך האָב אַ לעצטע בקשה פאַרן טויט. איך וויל, מען זאָל מיר געבן אַדורכצולייענען עטלע-כע צייטונגען. און נאָד אַ זאַך: כדי איך זאָל באַווייזן אַדורכצולייענען די צייטונגען, בעט איך נאָך אַ שעה לעבן.

וואַליש וויל וויסן, וואָס עס הערט זיך אין לאַנד. ער וויל וויסן, צי זיינע חברים קעמפן נאָך. ער וויל בכלל וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט: געשעענישן אין פראַנקרייך, אין שפּאַניען א. אַ. וו. וואָס פאַר אַ באַ-שיידענע בקשה פאַרן טויט!

מען זאָגט אים אָבער אָפּ די דאָזיקע באַשיידענע בקשה! נאָך אַ שעה לעבן — ביטע זייער! דער פראָקוראָר האָט אַ ווייך הארץ... וואָס קאָן עס אויסמאַכן. צייטונגען לייענען — ניין, דאָס נישט! אַזוי ווייט גרייכט נישט די

געמהאַרציקייט פֿון קריסטלעך־סאָציאַלן פּראָקוראָר...

אויפֿן הויף פֿון געריכט שטייט שוין גרייט די תּליה. די לעצטע דריי שעה פֿון זיין לעבן איז וואַליש געזעסן אַ שווייגנדיקער און געטראַכט. דעם גלח, וואָס איז געקומען אין זיין קאַמער, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט אויפֿצונעמען.

דריי פֿערטל צוועלף ביינאַכט (מאָנטיק, דעם 18-טן פֿעברואַר 1934) האָט מען וואַלישן צוגעפֿירט צו דער תּליה. ער איז געגאַנגען מיט רואיקע, זיכערע טריט און מיט אַ שטאָלץ־אויפֿגעהויבענעם קאָפּ. אין זיין בליק איז געווען בטול און פֿאַראַכטונג צו די פֿאַרזאַמלטע אַרום דער תּליה.

דער תּלין האָט אים אָנגענומען, כּדי אַרויפֿצופֿירן אויף די טרעפּלעך פֿון דער תּליה.

— דערלויבט, איך קאָן אַליין, — האָט ער אָפּגעשטופּט דעם תּלינס האַנט און מיט פֿעסטע טריט אַרויף אויף דער תּליה.

איידער דער תּלין האָט אים פֿאַרלייגט די פּעטליע, האָט וואַליש אויפֿגעהויבן די רעכטע האַנט אינדערהויך און מיט אַ מעכטיקער שטים אויסגערופֿן אַזוי, אַז עס האָט אָפּגעקלונגען אויפֿן גאַנצן הויף:

— זאָל לעבן די סאָציאַליסטישע רעפּובליק אין עסטרייך! זאָל לעבן די רעוואָלוציע!

דער תּלין האָט שנעל פֿאַרוואָרפֿן די פּעטליע, אַ קאַפּע געטון דאָס בענקל, און וועלכן וואַליש איז געשטאַנען. דער קערפּער האָט קאָנוואולסיוו אַ ציטער געטון...

דער העלד האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם. די מיניסטאָרן קאָנען שוין רואיק שלאָפן...

• • •

„ברוק זעט איצט אויס, ווי אַ באַלאַגערטע פעסטונג,— דערציילט אַ ציטונגס-קאָרעספּאָנדענט. — די שטאָט, וואו וואַליש האָט געקעמפּט, מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קריגס-פלאַץ. אויפן מאַרק-פּלאַץ שטייען נאָך איצט מיליטערישע אויטאָס און האַרמאַטן, געווענדט מיט די פּיסקעס צו די אַרבעטער-הייזער, ווי די רעגירונג וואָלט זיך נאָך אַלץ געשראָקן פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וואָס וואַליש האָט איינגעפלאַנצט אין די אַרבעטער פון דער שטאָט ברוק.“

אָבער די אַרבעטער, מיט וועלכע וואַליש האָט אָנגעפירט, ווייסן נישט פון קיין שרעק. זיי האָבן באַשלאָסן פאַר יעדן פּרייז צו באַשטראָפן דעם יהודה איש-קריות, וואָס האָט פאַרקויפט דעם קאָפּ פון זייער פירער פאַר צען טויזנט שילינג, פאַר „ד'רייסיק זילבערנע טאָלער“.

די שטראָף איז אויסגעפירט געוואָרן. דער באַן-קאָנדוקטאָר, וואָס האָט אויסגעגעבן וואַלישן, איז, ווי באַוואוסט, דעם 3-טן מערץ געפונען געוואָרן אַ דערשאָסענער. מ'האָט אים דערשאָסן אויפן וועג צו דער באַנק, וואו ער האָט געוואָלט אָפּנעמען זיין בלוטיק געלט.

(ס ו ף)